בס"ד

ממלכת תורה ויראה

חג הסוכות תשפ"ז לפ"ק

איבערזוכט פון הרחבת גבולי הקדושה

הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל



אוֹם אֲנִי חוֹמָה:

סאטמאר'ס שטאלץ מיט "תקנה לדורות"

פִּינַּת יִקְרַת:

נייע 12'טע קלאס פעסטונג

תָּחֵל שָׁנָה וּבִנְיָנֶיהָ:

שנת תשפ"ז

די 20 יאָר עפּאָכע

דבר המוסדות:

ווי נאָר מיר האָבן איבערגעטרעטן דעם שוועל פונעם נייעם יאָר תשפ"ז לפ"ק, ברענגט דאָס אַרויף פריידיגע הרגשים פון שמחה וחדוה, אינאיינעם מיט געפילן פון חשבון הנפש.

דער שנת הלימודים תשפ"ז צייכנט אָפּ **גאַנצע צוואָנציג יאָר** זינט יענע גורל'דיגע מאָמענטן ווען די 'גרינע באָסעס' האָבן אָנגעהויבן פאַרפלייצן די וויליאַמסבורגער גאַסן. מענטשן האָבן זיך געריבן די אויגן נישט גלייבנדיג וואָס מען זעט פאַר אַ מציאות. אַ גאַנצע נעץ פון מוסדות פאַר עטליכע טויזנט אינגלעך און מיידלעך האָבן זיך געעפנט איבער-נאַכט, מיט אַ נייע מציאות פון **"סאַטמאַר אין וויליאַמסבורג"**.

אַ קייט פון בנינים מפוארים, מנהלים רוחניים, הונדערטער מלמדים מופלגים, מחנכים מומחים, לערערינ'ס און מנהלות, מענעדזשער'ס, אַ סוויטע פון 23 שפּאָגל-נייע באָסעס, אַ גאַנצע שטאַב פון אָפיס איינגעשטעלטע, אַלעס איז געבוירן געוואָרן אין געציילטע וואָכן, הרה וגם ילדה, און געשטאַנען פולקאָם גרייט אויף יענעם גורל'דיגן אסרו חג סוכות, מיט גענוי צוואָנציג יאָר צוריק.

אמת, מען איז אַריבער שווערע חדשי לידה אין יענע ערשטע וואָכן, שפּאַנענדיג פונעם 'מעמד התחדשות המוסדות' צום בנין הת"ת אויף העריסאָן פלעיס, און פון דאָרט קיין ראָוז קעסטל און שפּעטער קיין פלאָשינג-סקילמאַן, ביז מען איז געקומען אל המנוחה ואל הנחלה אינעם גיגאַנטישן מבצר אדיר **'בנין ישעי' זאב לעוו'**, בנדבת לבו פון הנדיב החסיד מו"ה ישעי' זאב לעוו ע"ה ראה"ק פון לאנדאן, וואָס איז זיינערצייט געווען די ערשטע אַסטראָנאָמישע נדבה אין אַזאַ ריזן סכום, און איז נאָך היינט דער גרעסטער בנין פאַר אַ תלמוד תורה אין ניו יאָרק.

נאָכגעפאָלגט האָבן נאָך עטליכע ריזן בנינים מפוארים פאַר חינוך הבנות, די קייט פון **"בניני ריספלער"** בנדבתו פונעם ראש הקהל הנדיב החסיד מו"ה מאיר זעליג ריספלער ע"ה און זיין חשובע משפחה שיחיו, דער בנין בית רחל **"בנין אסתר הילמאַן"** דורך די חשובע נדיבת לב מרת אסתר הילמאַן ע"ה און אירע חשובע קינדער און אייניקלעך שיחיו - וואו טויזנטער תלמידות ווערן נתחנך לצניעות ויראת שמים, מדות טובות און ערליכע השקפה, אויפן וועג פונעם גרויסן מייסד זי"ע.

ראו גידולים שגידלנו! היינט, מיט צוואָנציג יאָר שפּעטער, קוקן מיר די ערליכע פּירות וואָס זענען אַרויסגעקומען פון צווישן די ווענט פון די הייליגע מוסדות; אַ לגיון של מלך פון טויזנטער תלמידים און תלמידות בליעה"ר, וועלכע האָבן שוין אַליין אויפגעשטעלט ערליכע און הייליגע שטובער אויפן דרך פונעם גרויסן מייסד **רבינו הק' והטהור זי"ע**, און האַלטן זיך טריי צום דרך המלך תחת דגל נשיאות הקודש פון ממשיך דרכו **כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**, עד ביאת ינון.

תתחדש, סאַטמאַר!

שטייענדיג ביים שלוס פון די צוואָנציג יאָר, זה לי עשרים שנה, ווען מיר טרעטן אַריין אין נייעם לערן יאָר תשפ"ז, זענען די הערצער פון אנשי שלומינו איבערגעפילט מיט הרגשים פון שמחה וחדוה; סאַטמאַר שטראַלט פאַר פרייד בגילה וצהלה מיט די היסטאָרישע "פּתיחת שערים" פונעם נייעם פּראַכטפולער **"בנין בית רחל - בנין מאַנדל"** וואָס איז נאָרוואָס נתחנך געוואָרן אין צענטער פון אונזער שטאָט וויליאַמסבורג יצ"ו, און עס שרייט זיך אויס: **"כִּי עַתָּה הִרְחִיב ה' לָנוּ וּפָרִינוּ"**.

שוין יאָרן וואָס דער ציבור קוקט זיך צו מיט שפּאַנונג איבער דעם געבוי פון דעם בנין הגדול, מען האָט צוגעזען די מאַסיווע בוי אַפּעראַציע וואָס דאָס האָט אַריינגענומען, מען האָט מיטגעהאַלטן ווי די אַרבעט פון פריש איבערבויען די זעקס לעכטיגע שטאָקן ריקט זיך פּאַמעליך, מען האָט געזען ווי דער בנין 'וואַקסט' מיט פרישע שטאָקן, עס ווערט אויסגעברייטערט לאורכה ולרחבה, ביז מען שטייט שוין יעצט נאָכן 'מזמור שיר חנוכת הבית', מיט די זיסע קול'כלעך פון די אינגע תלמידות.

ווען רבינו הק' זי"ע האָט בשעתו זיך געזאָרגט צו אַוועקשטעלן **'אייגענע עשירים'**, איז זיכער געווען אין זיין הייליגע מחשבה אויך אָט דער בנין הענקי, וואָס האָט אָפּגעקאָסט די פאַנטאַסטישע קאָלאָסאַלע סומע פון זעקס און צוואָנציג מיליאָן דאָללער ($26,000,000.00)! און אַלעס איז געקומען בלויז פון נדבת לבם הטוב פון אנשי שלומינו נדיבי לב, סיי דער הויפּט נדבן שם הבנין, הנדיב החסיד **מו"ה אברהם דוב יהודה מאנדעל הי"ו** וזוגתו תחי', און סיי די לאַנגע גאַלעריע פון סאַטמאַרער פילאַנטראָפּן וועלכע האָבן בייגעשטייערט מיט ריזן סכומים אָפּצוקויפן גרעסערע זכותים ווי שטאָקן, כיתות, שערים א.א.וו.

איבער אַלעם האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין די לעצטע חדשים **דאָס געטריישאַפט פונעם ציבור הגדול, די עלטערן פון תלמידי המוסדות וועלכע**

האָבן געשפּירט אַלס זכי' און זכות צו קענען ביישטייערן דעם סכום קצוב פון $1,800 אַלס זכות שותפות אין חינוך הבנות, און דערמיט גענומען אַ חלק אַלס "זכות נצחי" אין חינוך הבנות לעולמי עד! והיה לך לשם עולם ולזכרון לפני ה' בדרך הסלולה פון רבינו הקדוש זי"ע.

עוֹד יִשָּׁמַע בַּמָּקוֹם הַזֶּה קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה - די שמחה פונעם נייעם בנין וועט בעז"ה ערגענצט ווערן אין די קומענדיגע חדשים, ווען עס וועט פאַרטיג ווערן **דער נייער "חתונה זאַל"** לטובת אנשי שלומינו, נדבת לבם פון השותפים הנודעים לתהלה, הטפסר המרומם דו"ד משכיל בכל דרכיו **מו"ה יחזקאל דוד בערקאָוויטש הי"ו** און הנדיב הנעלה בעל צדקה ורודף חסדים **מו"ה יואל זופניק הי"ו** מפארי תמכין דאורייתא במוסדותינו הק'.

בָּרוּךְ מַרְחִיב גְּבוּלִים! אנגעלייענדע בוי פּראָיעקטן!

מכנף הארץ זמירות שמענו, אויף פונעם אַנדערן ווינקל ביי ביידע עקן פון אונזער שטאט וויליאַמסבורג, ווערן די בניני המוסדות ב"ה אויסגעברייטערט 'מחיל אל חיל'.

דער נייער בנין אויף "50 טעפפי פלעיס", וואָס איז געקויפט געוואָרן מיטן ציל צו ווערן באַהאָפטן אַלס איין גרויסער צווילונג-בנין צום יעצטיגן 'בנין אסתר הילמאַן' וואָס געפינט זיך האַרט דערנעבן, איז שוין געוואָרן אַהערגעשטעלט מיט אַ רייע קלאַסן פאַר 12'טע קלאַס באַנוץ, און אַ גרויסע "אודיטאריום" אויפן 2'טן שטאָק.

אויף די העכערע שטאָקן ווערט אויפגעבויעט אַ רייכע צענטער פון די **"מוסדות אָפיסעס"**, מיט אַלע איינריכטונגען וואָס פעלט זיך אויס פאַר אַזאַ מאַסיווע מוסדות-אַפּאַראַט, צו אָנפירן די ממלכת התורה והחינוך פון די טויזנטער תלמידים ותלמידות בליעה"ר.

שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יִמָּצֵא בָהּ - מיט שפּאַנונג ווערט אויך מיטגעהאַלטן די פלענער פון דעם נייעם בנין אויפן שטח הגדול **"בית רחל בנין ריספלער השלישי"** אויף סענפאָרד סטריט, וואו הנדיב המרומם **מו"ה פישל ריספלער הי"ו און זיין חשובע מוטער שתחי'**, וועלן אויפשטעלן אַ דריטער בנין פאַר חינוך הבנות, אינאיינעם מיט הערליכע **"שמחה זאלן"** פאַרן ציבור אנשי שלומינו.

ברוך אשר גאלנו!

אין קורצע שורות דאַרף ווערן אויסגעדריקט אַ שבח והודאה צום הייליגן באַשעפער, אשר גאלנו וגאל את מוסדותינו, השם נפשינו בחיים ולא נתן למוט רגלינו. נאָך די שווערע פיינפולע צען יאָר וואָס מיר זענען אַריבער, מיט אומצאָליגע און אומבאַשרייבליכע עגמת נפש.

וואָס איז יאָ אומגלויבליך, איז דער פאַקט, אַז ווי שווער עס איז נאָר אָנגעקומען און מיט וויפיל עגמת נפש מבהלה דאָס איז צוגעגאַנגען, האָבן מיר אויף טריט און שריט זיך איבערגעצייגט ווי דער זכות פון הייליגן רבי'ן זי"ע וואָס על שמו ולזכר קדשו שטייען די הייליגע מוסדות, באַגלייט אונז!

דער שרעקליכער מצב האָט זיך נישט אָנגעזען אויף די רוחניות פונעם מוסד קיין משהו; מיט מסירות נפש זענען אַלע כלי קודש געוואָרן באַצאָלט יעדע צוויי וואָכן(!). אַלע מאָרטגעדזשעס, די באָסעס, די קאָך, א.א.וו. אַלעס איז אָנגעגאַנגען אויפן שענסטן פאַרנעם, פאַרן תועלת פונעם חינוך פון די טייערע קינדער.

אויך די שווערע דריי יאָר מיטן 'מאַניטער' וואו יעדע מינדעסטע ריר אין די גאַנצע מוסדות-ווירטשאַפט איז געוואָרן נאָכגעפאָלגט און נאָכגעקוקט, איז ב"ה געקומען צו אַ פרידליכע ענדע. און ברוך ה' הוציאנו מאפילה לאור גדול! צום שמחה עצומה פון יעדן איד וואס דער נאמען פון רבינו הק' זי"ע איז אים הייליג.

וּבְכֵן וּלְךָ תַעֲלֶה קְדֻשָּׁה:

אין די קורות דברי הימים פון ממלכת סאַטמאַר וועט זיכער פאַרצייכנט ווערן דאָס ארויסגייענדיגע יאָר תשפ"ו, אַלס דער מאָמענט ווען דער כח הקדושה והצניעות איז געוואָרן צוריקגעשטעלט צו איר הייליגן אָרגינעלן גלאַנץ, מיט די פעסטע "תקנות" וואָס איז געוואָרן אַוועקגעשטעלט דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א ביי די הייליגע אסיפה "שמירה לדורות".

דער פייערדיגער רוף און שפּאַנענדע פלאַקער וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט פעסטע "תקנות לדורות" דורך מוסדותינו הק', צו פאַרבעסערן דעם ערליכן סטאַטוס פון "קאָפּ צודעק" לויט די ריכטיגע דרכי הצניעות, האָט געשאָסן כוואַליעס פון צניעות-פּולווער צו אַלע שיכטן פון גאַנץ סאַטמאַר אומעטום, צו הערן און דערהערן די יסודות הצניעות אויף וועלכן רבינו הק' זי"ע האָט זיך מוסר געווען בנפשו ואונו, אויפצושטעלן אַ הייליגער דור פון ערליכע היימען, בדרך ישראל סבא.

אין אַ דור ווען מאָדע'ס יאַווען זיך שנעלער ווי דער טעגליכער זייגער און די צניעות הלבוש האָט געכאַפּט אַ שרעקליכער ריק אויף אַראָפּ, האָט "וויליאַמסבורג" באַוויזן אָפּצושטעלן דעם גאַלאָפּ, און ברענגען א פולקאָמע התעוררות צוריקצושטעלן דעם גלאַנץ פון צניעות צו איר אָרגינעלן אָרט, מיט די פעולות נשגבות פון די הנהלת המוסדות אין שפּיץ פון הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א, לשמירה על נפשותינו וצאצאינו.

די דערגרייכונגען אין צניעות וואָס אונזערע הייליגע מוסדות אין "וויליאַמסבורג" האָבן באַוויזן ב"ה, האָט אונזער רועה נאמן **כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א** אַרויסגעהויבן בשבח ותהלה ביי די דרשה אין טאָג פון הייליגן רבי'ןס יאָרצייט, כ"ו אב, וואו דער רבי שליט"א האָט אויפגעפאָדערט אַז דאָס זאָל נאָכפאָלגן אין אַנדערע מקומות, און גלייכצייטיג האָט דער רבי שליט"א מכבד געווען די הנהלת המוסדות צו מפרסם זיין די פייערדיגע יסודות'דיגע דרשה וואָס ער האָט זוכה געווען צו הערן בשעתו, שב"ק פר' שופטים תשכ"ה, מיט העכער זעכציג יאָר צוריק, מפורש יוצא פון רבינו הק' והטהור זי"ע.

יאָ, יאָ, וויליאַמסבורג!

דאָ האָט דער רבי זי"ע אויפגעשטעלט אידישקייט, אָנגעהויבן פון יאָר תש"ז;

דאָ האָט דער רבי זי"ע משמיע געווען די הייליגע דרשה שב"ק שופטים שנת תשכ"ה;

און דאָ איז די ערשטע צענטראַלע באַזע וואו כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט מצליח געווען צו ממשיך זיין די הרמת קרן הצניעות אין יאָר תשפ"ז, עד ביאת הגואל.

איבער די זייטן פון דעם בראָשור וועט איר זיך דערקוויקן מיט דעם שפרודלדיגן וואוקס פון דעם ממלכת התורה והיראה, עד הנה עזרונו רחמיך, וואו מיר שטייען יעצט אין סאַמע חג הסוכות, וואָס פירט אונז צום גרויסן מאָמענט, **דער יום השנה, כ"א כסלו, דער צוואָנציגסטער מעמד הודאה איבערהאַלב מוסדותינו הקדושים, וואָס וועט בעז"ה ווערן אָפּגעראָכטן אויף אַ גרויסן פאַרנעם**, מיט פילע חידושים לקראת המאורע הנשגבה.

כְּלִילַת יוֹפִי, תֵּל תַּלְפִּיּוֹת.

מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבִּנְיָן – "תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ"!

סאטמאר שטראלט פאר פרייד
בגילה וצהלה מיט שמחה'דיגע
"פתיחת שערים" פון פראכטפולער

נייער בנין בית רחל
"בנין מאנדעל"

וואס ווערט פריידיג געעפנט צום שנת הלימודים תשפ"ז לפ"ק

אין צענטער פון שטאט וויליאמסבורג יצ"ו

מזל טוב סאטמאר! מזל טוב וויליאמסבורג! מזל טוב בית רחל!

"מזל טוב סאטמאר"! "כִּי עַתָּה הִרְחִיב ה' לָנוּ וּפָרִינוּ" שפירט זיך אין אלע הערצער פון די טויזנטער הורי התלמידים והתלמידות, און שמחה'דיגע אטמאספערע טראגט זיך ארום ביי אלע אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר אומעטום, צו די היסטארישע פריידיגע פתיחת שערים פון חנוכת הבנין פון דעם נייעם מבצר החינוך, דער פראכטפולער נייער "בנין בית רחל - בנין מאנדעל", וואס איז פריידיג געווארן געעפנט צום שנת הלימודים תשפ"ז לפ"ק, ביום ב' סליחות, אלס סאמע נייעסטער בנין החינוך אין צענטער פון די שטאט וויליאמסבורג יצ"ו.

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה! - דער היסטארישע מאמענט פון פתיחת שערי הבנין אין די לעצטע טעג פון יאר תשפ"ו, האט אפגעצייכנט א סאמע שלימות פון לאנגע יארן פלאנירונגען, אפקויפן, צענעמען, צעווארפען, איבערבויען, ארויפבויען שטאקן, איבערמאכן פלענער, אויסברייטערן דעם בנין, ביז מען איז אנגעקומען צום דעם היסטארישן מאמענט, ווען מען זעט דעם בנין מפואר, בנוי ומשוכלל לתלפיות, ברוב פאר והדר, כלול בהדרו מיט גאנצע זעקס שטאק פאר חינוך הבנות, אויף א הערליכן שטאנדהאפטיגן פארנעם, א מלאכת מחשבת און כלילת יופי, בעז"ה.

זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה' נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ! - דער טאג ב' סליחות תשפ"ו, כ"ה לחודש הרחמים והרצון, ביום שנבראו בו שמים וארץ מיטן תכלית הנרצה לפרסם שם אלקותו בעולם און אריינברענגען אין די וועלט א הייליג פאלק פון ערליכקייט און קדושה, טהרה און אפגעהיטנקייט, ממלכת כהנים וגוי קדוש", ווערט פארשריבן אין די היסטאריע פון קורות ימי ממלכת סאטמאר העולמי, אלס יום חדוה ושמחה, יום גילה ודיצה, מיט דעם היסטארישן פייערונג ווען סאטמאר האט מחנך געווען א נייעם בנין פאר חינוך בנות ישראל כשירות וצנועות, וואס וועט שטיין בעז"ה אלס חינוך פעסטונג ביז משיח'ס טאג.

וַיְבִאֵנוּ אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה! - דער היסטארישער חנוכת הבנין האט ארייגעברענגט כוואליע'ס פון פרייד ביי אלע אנשי שלומינו איבער דער גארער וועלט, זעהנדיג די ווייטערדיגע המשכת הקדושה אין די הייליגע שטאט "וויליאמסבורג", די "ירושלים ד'אמעריקא", דאס ארט וואו רבינו הק' והטהור זי"ע האט אנגעהויבן זיין הייליגע עבודה פון איבערפלאנצן אידישקייט נאכן ביטערן חורבן; די שטאט וואס האט אין זיך איינגעזאפט אזויפיל יסודות הקדושה וואס האט זיך פון דא פארשפרייט איבער די גאנצע וועלט; די שטאט וואס האט געהאט די זכי' אז אין איר האט דער צדיק הדורות רבינו הק' זי"ע געוואוינט און געווירקט קרוב צו דרייסיג יאר און פון דא אויפגעשטעלט די ערליכע דרכי התורה והמסורה מיד ולדורות; די שטאט וואס איז געבויעט אויף קדושה, טהרה, מסורת אבות, און איז די סימבאל פון צניעות און אומבויגזאמע אידישקייט שוין העכער אכציג יאר; די שטאט וואס האט געהאט די זכי' צו זיין די וויגל-בעט פאר אלע מוסדות התורה והחינוך, די ממלכת סאטמאר איבער דער גארער וועלט, וואס האט זיך פון דא פארמירט און אוועקגעשטעלט; די שטאט וואס פון דא איז ארויס דער קול ה' בכח, קול ה' חוצב להבות אש, די מלחמת ה' בעמלק, קעגן די טומאה וזוהמא פון

פלאטע פון באסעס טראגן אריין די גליקליכע תלמידות דעם ערשטן שולע טאג תשפ"ז

די וועלט, ובפרט בפלטרין של מלך, און האט אפגעקלינגען מיט א קול אדיר וחזק איבער די גאנצע וועלט; די שטאט וואו די פייער-צונגען פון קדושה ויסודות הטהרה פלאמען נאך עד היום הזה, עד ביאת הגואל.

פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק! - אט די הייליגע שטאט "וויליאמסבורג", האט זוכה געווען ווייטער צו שפינען די קייט פון חינוך הדורות, ווען מען האט פון פריש זוכה געווען צו מחנך זיין דעם מעכטיגן בנין אין סאמע הארץ פון די שטאט, אלס פעסטונג פון "חינוך הבנות" פאר שווערע הונדערטער אינגע תלמידות וועלכע וועלן בעז"ה נתחנך ווערן אויף די הייליגע דרכים פון רבינו הק' והטהור זי"ע, אונטער די נשיאות הקודש פון יבלחט"א כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, צום פרייד און עקסטאז פון אלע תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די גאנצע וועלט!

בָּרוּךְ אַתָּה בְּבוֹאֶךָ! דורכאויס די פארמיטאג שעה'ן פונעם מאנטאג, האבן די ווענט פון דעם מעכטיגן מעניספיטאציע פאר חינוך הבנות מקבל פנים געווען די הונדערטער לעכטיגע אינגע תלמידות מיט א געזאנג פון "בְּרוּכוֹת הַבָּאוֹת", ווערנדיג אויפגענומען דורך די געלונגענע שטאב מחנכות ומנהלות, און ווערן צוגעוויזן זייערע קלאסן, וואו זיין וועלן בעז"ה נתחנך ווערן צו צניעות און יראת שמים, מדות טובות, שבתות ומועדים לשמחה, מיט זייער איידעלע התנהגות פון זייער פריעסטן עלטער, וגם עד זקנה ושיבה לא יסור מהם.

אָבוֹא בָם אוֹדֶה קָ-הּ! - ביי דעם היסטארישן מאמענט, שרייט פון זיך אליינס ארויס דער טיעפער דאנק צום רבוש"ע, 'שמחנו כימות עניתנו', דער רבוש"ע האט צוגעזען די שווערע יארן און תקופות וואס איז אריבער ביז אהער, און יעצט 'באנו אל המנוחה ואל הנחלה', מיט א רואיגן געוויסן שפאצירן מיר אריין צווישן די ווענט פון דעם נייעם חינוך פעסטונג, צו אנהייבן א נייע קאפיטל אין ראם פון חינוך הבנות, מיט א שטארקע הרחבת הדעת און מנוחת הנפש ושלוה, צו קענען מחנך זיין די אינגע תלמידות חנוך לנער על פי דרכו.

וְרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אוֹמֶרֶת כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרוֹץ! - אינאיינעם מיט די רגשי שבח והודאה צו השי"ת, קוקט מען ארויס מיט א הארציגע בקשה על העתיד, עד הנה עזרונו ולא עזבונו חסדיך ה', דער רבוש"ע וואס האט באגלייט ביז אהער די שלוחי הקודש חברי הנהלת המוסדות, זאל אויף ווייטער שיקן ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם, מיר זאלן זוכה זיין נאך מער מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה והחינוך, ומי ששיכן שמו בבית ה' הוא ישרה שכינתו בבית הגדול הזה, און דער זכות פונעם מייסד רביה"ק זי"ע וועט זיכער מגין זיין אז מיר זאלן קענען מגדל זיין די תלמידות צו צניעות און קדושה, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת גואל צדק ומלכינו בראשינו אמן.

בָּנוּי לְתַלְפִּיּוֹת אֶלֶף הַמָּגֵן ,
תָּלוּי עָלָיו כֹּל שִׁלְטֵי הַגִּבּוֹרִים:

מלכות'דיגע מעמד "בנוי לתלפיות" ברענגט צונויף סאטמארער פילאנטראפן און שאפט ריזן אסטראנאמישע קניני זכותים צו קענען עפענען בנין בית רחל החדש

פארגעקומען פארגאנגענעם א' קרח תשפ"ו 'צווישן די ווענט פונעם נייעם בנין'

שעות של קורת רוח אין שפיץ פון נשיא המוסדות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וועלכער חתמ'עט שטרי זכות מיט נגידים מפורסמים

אינו דומה שמיעה לראי': נדבנים דורכגעגאַנגען אַלע שטאָקן פון הערליכן בנין – שהמלך במסיבו: דער רבי שליט"א באזוכט די שטאקן פונעם בנין המפואר און קוועלט פון מעבטיגע חינוך פעסטונג – בך חותמין: פילאנטראפישע נדבות ברענגט דעם לעצטן שטאפל צו קענען ענדיגן דעם בנין און עפענען צום נייעם שולע יאר, בשעה טובה ומוצלחת

נדיבי עמים נאספו - א פייערליכע און מלכות'דיגער מעמד "בנוי לתלפיות" איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרגאנגענעם זונטאָג פּרשת קרח תשפ"ו, אינעם נייעם בנין הבית רחל, וואו א רייכע גאלעריע פון נדיבי עם, פטרונים און טפסרים, נגידים ושועים בממלכת סאטמאר, האבן געהאט דעם כבוד צו זיצן עטליכע שעות של קורת רוח אין שפיץ פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, און דערביי ארומגיין זעהן דעם הערליכן בנין און אַלע שטאָקן און קלאס צימערן, און אונטערשרייבן "שטרי זכות" מיט'ן רבי'ן שליט"א, צום גמר הבנין המפואר.

אין יענע טעג, מיט בלויז צוויי חדשים צוריק, איז דער בנין המפואר "בית רחל - בנין מאנדעל" שוין געווען פאקטיש פאַרענדיגט, מיט די האפענונג צו ווערן גרייט לקראת דעם נייעם שנת הלימודים סוף חודש אלול, אבער עס האט זיך נאך אויסגעפעלט דער לעצטער שטופ פון גרעסערע נדבות וואס זאל דאס ערמעגליכן פינאנציעל, צו קענען עפענען דעם בנין.

למען פתיחת המבצר האדיר

ווי באקאנט, האט דער ריזן פּראָיעקט פון אפקויפן און איבערבויען דעם בנין אָפּגעקאָסט די פאַנטאַסטישע סומע פון זעקס און צוואנציג מיליאן דאללער. דורכאויס די גאנצע צייט פון עטליכע יאר האבן זיך געשאפן גרעסערע נדבנים וועלכע האבן בייגעשטייערט לבנות את הבנין, ובראשם דער גרויסער נדיב ונכבד המפורסם בצדקת פזרונו **מו"ה אברהם דוב יהודה הלוי מאנדעל הי"ו** דער נדיב "זכות שם הבנין", וואס טראגט זיין נאמען "בנין אברהם דוב יהודה הלוי מאנדעל".

אבער ווי די צייט איז געלאפן, די שטאקן זענען געווארן פארטיג, און דער בנין איז געקומען נאענט צום גמר ופתיחה, צו קענען די טויערן פאר די תלמידות, דער בנין איז שוין געווען באלאכטן מבית ומבחוץ און געשטאנען מיט שטאָלץ אין צענטער פון די שטאט וויליאַמסבורג גרייט צו דינען אַלס משכן כבוד פאר די טויזנטער תלמידות פון די יונגערע קלאַסן פון בית רחל, האט די הנהלת המוסדות

געמוזט ארויסקומען צו די סאַטמאַרער פילאַנטראָפּן וועלכע האבן די זכי' צו נעמען אַ חלק אין יעדע דבר שבקדושה אין ק"ק סאַטמאַר, זיי צו מזכה זיין מיט'ן נעמען זייער טייל אינעם נייעם בנין בית רחל, כדי צו קענען פארזיכערן דעם גמר ופתיחת הבנין.

דער איש גבור חיל און מוסדות-העלד, הרבני הנדיב הנגיד החסיד מו"ה יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות, האט זיך ארייגעווארפען מיטן גאנצן לייב און לעבן צו לאדענען די ראשי הנדיבים צו דעם מעמד, און

אהערשטעלן דעם ברייטן אויסוואל פון זכותים, מזכה צו זיין דעם ציבור נדבנים אין קויפן גרעסערע זכותים, פאר גרויסע סכומים, להחיות נפש צדיק כ"ק מרן רבינו שליט"א.

צום באשטימטן טאג, זונטאָג פר' קרח לסדר "כי כל העדה כולם קדושים", איז פארגעקומען די רייכע מסיבה, אַ מלכות'דיגער נדיבי'שער מעמד מפואר, וואָס איז געוואָרן אַהערגעשטעלט טאַקע 'אינעווייניג', צווישן די ווענט פונעם בנין החדש, ווען עס זיצן דערביי הונדערטער נדיבים און פילאנטראפן, וועלכע האבן אין לויף פונעם מעמד זיך איינגעהאַנדלט גרעסערע זכותים אינעם בנין.

דער מעמד איז געווארן איינגעגרישט אינעם ערשטן שטאָק, וואָס ווערט מאמענטאל פארענדיגט אַלס פרישער **"חתונה זאַל"** פאר תלמידי וחסידי סאטמאר, בנדבת לבם פון השותפים הנודעים לשם ולתהלה, הטפסר המרומם בונה ומקים עולמות של תורה, **מו"ה יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו** מראשי חברי הנהלת המוסדות, ושותפו לדבר מצוה הרבני הנגיד הנכבד בעל צדקה ורודף חסדים טובים, **מו"ה יואל זופניק הי"ו** מפארי תמכין דאורייתא אין די הייליגע מוסדות.

דער גאנצער שטאק איז געווארן אויסגערישט אויף אַ פראַכטפולן פאַרנעם, ווי אַ פרעכטיגער זאַל, און אַרום הערליך געדעקטע טישן האָט מען זיך געזעצט צו די מסיבה אין אַ אַנגענעמע אַטמאָספערע.

נגידים עליך סאטמאר

עס איז געווען אַן ערהאבן בילד צו זען אזא רייכע שורה פון נדבנים, אהובים וברורים, אַלע תלמידי וחסידי סאַטמאַר, "אייגענע עשירים" וואס סאטמאר פארמאגט מיטן פולסטן שטאלץ, ערליכע חסידי'שע בעלי בתים נדיבי לב וועלכע לאזן זיך קאסטן סכומים אדירים לטובת הקמת מבצרי התורה והיראה מיסודו פון רבינו הק' זי"ע, און קומען אלע מיטן איינעם ציל, צו באפעסטיגן די אימפעריע פון "תורה ויראה", צו קענען ווייטער בויען אַ פעסטונג פון חינוך בנות ישראל על דרך ישראל סבא פאר די ווייטערדיגע דורות.

ביותרת הכבוד האט מען מקדם געווען בברכה מרובה דעם גרויסן נדבן פון "שם הבנין", הרבני הנגיד הנדיב הנכבד צדקת פזרונו בישראל, **מו"ה אברהם דוב יהודה הלוי מאנדעל הי"ו** א לאנגיעריגער תומך נלהב פון די הייליגע מוסדות, וועלכער האט געהאט די זכי' אפצוקויפן דעם ערשטן "שער אברהם דוב יהודה הלוי" אין "בנין ריספלער" אויף סענפארד סט. און יעצט האט ער מחיל אל חיל זוכה געווען אינעם "זכות שם הבנין", וואס טראגט זיין נאמען "בנין אברהם דוב יהודה הלוי מאנדעל", לזכות עצום אין חינוך אלפי בנות ישראל בדרך רבינו הקדוש זי"ע, וִיבָרְכוּ שֵׁ"ם כְּבוֹדֶךָ.

אין די ערשטע שעות פונעם מעמד האָבן מהנה געווען בשירה וזמרה די באַרימטע "שירה" כאָר אינאיינעם מיט'ן מטיב נגן **מו"ה ברוך מרדכי שטיינמעץ הי"ו פון ארץ הקודש**, וועלכע האָבן מיט זייערע זיסע שטימעס אַריינגעברענגט אַ געשמאַקן אַטמאָספערע און געהויבן אַלע פאַרזאַמלטע.

אַלס יושב ראש פון די רייכע מסיבה האָט געדינט דער בארימטער מגיד מפורסם **הרב נחמן ליווי הי"ו**, וועלכער האָט מיט זיין געבענטשטן לשון לימודים געפירט די גאַנצע מסיבה מיט וואַרעמע ווערטער און פאַסיגע נקודות, בצחות אמרים נעימים חכם חן.

הרה"ח מו"ה מרדכי אלעזר הירש הי"ו

צום ערשט האָט אויפגעטרעטן **הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו** חבר הנהלת המוסדות. ער האָט אַרויסגעברענגט די דערהויבנקייט פון די היינטיגע מסיבה, וויאַזוי מען האַלט נאָכן "שבע שנים נבנתה", נאָך זיבן לאַנגע יאָרן פון עיכובים און שוועריגקייטן, צוערשט מיטן אָפּקויפן דעם בנין, וויאַזוי עס זענען אונטערגעקומען אַסאַך פּראָבלעמען ביים התחלת הקנין, און נאָכדעם וויאַזוי די עבודה קשה פון די קאָנסטרוקציע וואָס מען האָט אדורכגעמאכט מיטן הונדערט-יעריגן געביידע, און דאָס אַרויפציען די צוויי פרישע שטאָקן וואָס האָט אריינגעצויגן אין עקסטערע קאסטן פון איבער אַ מיליאָן דאָלער.

ר' מרדכי אלעזר האָט דערמאַנט די גרעסערע נדבנים, בראש פון הרה"ח רבי יחזקאל דוד בערקאָוויטש הי"ו, העומד בראש פונעם מוסד אַ גאַנץ יאָר, און מיט מסירות נפש טוט ער אַלעס אַז דער מוסד זאל אָנגיין יעדן איינציגן טאָג, און אויך דאָ ביים בנין איז ער געווען דער רוקנביין פונעם גאַנצן פּראָיעקט.

ביים דערמאַנען די נדבני הבנין, האָט ר' מרדכי אלעזר אַרויסגעברענגט זיין התפעלות פון די נדיבי עם, וואָס נישט נאר מען האָט זיי נישט געדארפט נאָכלויפן און מוטשענען צו קויפן אַ זכות, נאר מען איז גאר אַנטקעגן געקומען די הנהלת המוסדות, יעדער האָט פשוט געוואָלט האָבן אַ חלק אינעם בנין, והם הביאו נדבה.

הרה"ח מו"ה אברהם בראך הי"ו

דאַן האָט הרבני הנגיד **מו"ה אברהם בראַך הי"ו**, מראשי הקהלה והמוסדות אין וויליאַמסבורג און עמוד התווך פון מוסדות סאַטמאַר בכל רחבי תבל, גערעדט בשבח המקום, וואו מ'איז אנגעקומען די אלע יארן, בחסדי המקום עלינו, ובשבח הציבור וואס לאזט זיך קאסטן ריזן סכומים לטובת אלע מוסדות פון רבינו הק' זי"ע ולהבחל"ח מרן רבינו שליט"א.

דאן האט ער אויפגערופן הרבני הנגיד **מו"ה יחזקאל דוד בערקאָוויטש הי"ו** מראשי חברי הנהלת המוסדות און נדבן פונעם חתונה זאַל, צו איבערגעבן זיינע ווערטער "דבר המוסדות" לכבוד המעמד.

הרה"ח מו"ה יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו

אין א געריררטע שטימע האט ר' יחזקאל דוד הי"ו אנגעהויבן אז די הצלחה פון דעם מגבית און פון די מוסדות קומט דורך שטיצן אלע הייליגע מוסדות פון רבינו הק' והטהור זי"ע, ובפרט די מוסדות הקדושים אין ארץ ישראל על טהרת הקודש, ווי רביה"ק זי"ע האט בשעתו געזאגט, אז דורך געבן געלט פאר איין מוסד ברענגט דאס אז מ'זאל געבן פון פריש.

נאכן דערמאנען די שווערע תקופה מיט די רעגירונג, האט ר' יחזקאל דוד הי"ו באדאנקט אלע עוסקים במלאכת הקודש וועלכע האבן מקדיש געווען

ימים ולילות און געשטאנען ווי העלדן דורכצושווימען די שווערע צייטן, ובפרט די שווערע דריי יאר מיטן 'מאניטער' פון די רעגירונג, ביז מ'האט ב"ה זוכה געווען צו די בשורה מרנינה, שהוציאנו מאפילה לאור גדול, ווען בלויז צוויי טעג בעפאר, דאנערשטאג פר' שלח, האט דער שופט באשטעטיגט אז מ'איז אלעס פאריבער בשעה טובה.

בסיום דבריו האט ער דערמאנט די גרעסערע נדיבים, דעם נדיב "שם הבנין" הרבני הנגיד ר' אברהם יודא מאנדעל הי"ו, ובפרט דעם גרויסן נדיב פון "בנין ריספלער", הרה"ח מו"ה פישל ריספלער און זיין חשוב'ע מאמע תחי', וועלכע האבן אהערגעשטעלט די "גינת אסתר" זאלן לשביעת רצון פון אלע אנשי שלומינו, און יעצט זענען זיי אריינגעשפרינגען צו בויען א נייעם בנין אלס אודיטאריום, וואו מ'וועט אויך מאכן "שמחה זאלן".

מיט א קול מתוק האט ר' יחזקאל דוד אויסגעפירט: **"האמת אגיד, אז מיר זענען אזוי נתרגש געווארן פון ר' פישל'ס נדבות, אז מיר האבן באשלאסן, מען מוז אים נאכמאכן, קנאת סופרים תרבה חכמה. פון דעם איז געבוירן געווארן אז דא גייט מען אויך מאכן א פרישע חתונה זאל, ס'וועט זיין א ביליגע חתונה זאל לשביעת רצון פון אנשי שלומינו."**

אויך האט ר' יחזקאל דוד הי"ו געמאלדן אז עס ווערט יעצט אטעבלירט א פרישער "קרן שכלול הבנינים", איבערצובויען די פריערדיגע בניני המוסדות, לשם ולתפארת פאר חינוך הבנים והבנות. (זעה באזונדערע נייעס).

דברות וברכת הקודש

דאן האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט די זכי' צו קענען האָבן אַ טייל אינעם בנין וואו מען וועט מדי יום ביומו מחנך זיין בנות ישראל צו יראת שמים און צניעות, וואָס דער זכות וועט בלייבן לעד ולנצח נצחים.

דער רבי שליט"א האָט אויסגעפירט אַז דער זכות פון דודו מרן רבינו הק' זי"ע דער גרויסער מייסד המוסדות, וועט זיכער ביישטיין פאר אַלע וואָס העלפן אַז די הייליגע מוסדות זאלן האָבן אַן המשכה בדרכו הבהיר, וויאַזוי ער האָט דאס אַוועקגעשטעלט, און געווינטשן וואַרעמע ברכת הקודש פאר אַלע נדבנים.

חתימת השטרות

ביים שלוס פונעם מעמד זענען אַלע נדבנים ארויף אל מול פני הקודש, נעבן רבי'ן שליט"א, וואו מען האט אונטערגעשריבן דעם שטר קנין זכיות מיטן רבי'ן שליט"אַ. און דער רבי שליט"א האָט אויף אלעמען מאציל געווען מברכותיו הטהורות, איש אשר כברכתו ברך אותו. דאַן האָבן די נדיבי הבנין געהאַט די געלעגנהייט צו אַרומגיין אויף אַלע שטאָקן צו באַטראַכטן דעם הערליכן בנין החדש פונדערנאָענט, וואָס האָט יעדן באַצויבערט.

די נגידים החשובים ביים אינטערשרייבן די שטרות

**נאך פון די נגידים החשובים
ביים אינטערשרייבן די שטרות**

זאת קומת"ך דמתה לתמ"ר

א באזונדערע מאורע של רגש איז געווען ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט זיך מטריח געווען און אַרומגעגאַנגען באזוכן דעם גאַנצן בנין, דער רבי שליט"א האט געקלעטערט איבער אלע שטאקן, ווערנדיג באַגלייט דורך האחים החשובים העומדים לנצח על מלאכת בית ה', הרה"ח מו"ה פסח קאהן הי"ו ואחיו הרה"ח מו"ה יושע קאהן הי"ו, וועלכע האָבן אין די לעצטע יארן איבערגעבויט דעם גאַנצן בנין מהחל ועד כלה.

דער רבי שליט"א האט מיט א געוואלדיגע התפעלות צוגעקוקט דעם גאנצן געבוי פונעם בנין, אַלע קלאַסן און עס זאַלן, וואָס שטייען גרייט צו אויפנעמען די תלמידות, און אויסגעדריקט א געוואלדיגע קורת רוח והנאה יתירה פון דעם גאנצן בנין, וואס וועט זיין א פראכט פאר חינוך הבנות בדרך ישראל סבא.

באו בנות ויהללוה:
התחדשות הבנין בעז"ה

שטייענדיג יעצט אין די טעג פון אנהויב יאר תשפ"ז לפ"ק, הערשט א פרייד ביים גאנצן ציבור אנשי שלומינו, ובפרט ביי די נדיבים בעם וועלכע האבן געהאט די זכי' צו מנדב זיין גרעסערע זכותים אין דעם בנין, צו זען הבית בהדרו, א כלילת יופי, וואס ווערט מדי יום ביומו אנגעפילט מיט שווערע הונדערטער צניעות'דיגע טעכטער, וואו זיי ווערן נתחנך מיט ליבשאפט און ווארימקייט צו ערליכקייט, צניעות, ידיעת המועדים, און מדות טובות, דורך די שטאב פון געטרייע מחנכות ומנהלות שתחי', אויפן ערליכן ריינעם וועג.

כְּמִגְדַּל דָּוִ"ד צַוָּארֵךְ בָּנוּי לְתַלְפִּיּוֹת

דרשת הרבני הנגיד החסיד המרומם בונה ומקים עולמות של תורה

מו"ה יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו

חבר הנהלת המוסדות

אצל מעמד חנוכת הבית "בנוי לתלפיות" - בית רחל החדש 'בנין מאנדעל'

א' קרח תשפ"ו לפ"ק

'מי שיוציא הכלי של זהב, יוציא כדי עמו'

ברשות כ"ק מרן רבינו שליט"א, דער חשוב'ער ציבור. יישר כח פאר די ווארימע ווערטער פון מיין ידיד ר' אברהם [בראך הי"ו]. איך וויל באגריסן דעם גאנצן ציבור.

דער רבי ז"ל ברענגט די וואך א מדרש, ווען קרח האט געזאגט 'כי כל העדה כולם קדושים', האט דוד המלך געזאגט 'ארוממך ה' כי דליתני'.

ווען מען קומט זיך צוזאם אזא עדה קדושה צו בויען אזא גרויסע פעסטונג, א נייע בנין, איז זייער פארשטענדליך דער פסוק, ס'הייבט זיך אן "מזמור שיר חנוכת הבית לדוד, ארוממך ה' כי דליתני".

אין מסכת קידושין (דף ל"א ע"ב) פארציילט די גמרא, אבימי איז געווען דער זון פון רב אבוהו, ער איז געווען פון די גדולי הדור, און ער איז געווען מורא'דיג אויסגעצייכנט אין די מדה פון כיבוד אב ואם. פארציילט די גמרא, אז איין נאכט האט אבימי געברענגט א כוס וואסער פאר זיין טאטן, ווען ער איז אנגעקומען האט דער טאטע איינגעדרימלט, איז ער אזוי געשטאנען איינגעבויגן. די ראשונים זאגן אז ער איז אזוי געשטאנען דארט א גאנצע נאכט.

זאגט די גמרא, איסתייע מילתא, ער האט געהאט סייעתא דשמיא, ס'איז אים אריינגעקומען פשט אינעם פסוק 'מזמור לאסף אלקים באו גוים בנחלתך'.

תוספות איז מסביר וואס האט ער פארשטאנען אין דעם פסוק? ברענגט תוספות א מדרש, פון תנא דבי אליהו. דער מדרש זאגט, ס'איז געווען אמאל א שפחה, זי איז געגאנגען שעפן וואסער פון א באר, ווען זי איז געשטאנען דארט איז איר קריגל אריינגעפאלן אין וואסער, האט זי אנגעהויבן וויינען, וואס וועט זיין מיט די קריגל? א קורצע צייט שפעטער איז געקומען די שפחה פונעם מלך מיט א כד של זהב, זי האט געשעפט וואסער און איר קריגל איז אויך אריינגעפאלן. האט די ערשטע שפחה אנגעהויבן צו זינגען שירה, האט מען איר געפרעגט פארוואס זי זינגט שירה? האט זי געזאגט: ביז יעצט ווער וואלט מיר געהאלפן ארויסשלעפן מיין קריגל, אבער יעצט אז ס'איז די קריגל פון קעניג איז אויך אריינגעפאלן, אז מען וועט שוין ארויסנעמען דעם מלך'ס קריגעלע, וועט מען שוין ארויסנעמען מיינס אויך.

דער פסוק זאגט ביים חורבן בית המקדש (איכה ב, ט) 'טבעו בארץ שעריה', אז דער אייבערשטער האט געמאכט איינגעזינקען די שערים פון בית המקדש אין דער ערד. האט געזאגט אסף, וואס ער איז געווען פון די בני קרח, אז מ'וועט שוין ארויסנעמען די שערים פון די בית המקדש, וועט מען שוין אינאיינעוועגס ארויסנעמען קרח וואס איז איינגעזינקען געווארן אין דער ערד, און פאר דעם איז מזמור לאסף. אזוי זאגט תוספות.

כלפי מה דברים אמורים.

די לעצטערע פאר וואכן, מענטשן טרעפן מיך, מענטשן פרעגן מיך: איך פארשטיי נישט וואס דא גייט פאר? ר' אברהם בראך בויט א בנין אין ירושלים, מ'שאפט שווערע מיליאנען דאלאר. נאכדעם קומט ר' יואל שווארץ און ער ענדיגט דעם בנין אין בני ברק פאר שווערע מיליאנען דאלאר. נאכדעם מאכט מען דעם קאמפיין פאר 'מוסדות יטב לב', מ'שטעלט צוזאם מיליאנען דאלאר, וואס וועט זיין מיט די מוסדות אין וויליאמסבורג? יעדער איז פארנומען מיט ארץ ישראל, וואס וועט זיין מיט וויליאמסבורג?

נאר דער תוספות פארענטפערט אלעס.

דער רבי זאל זיין געזונט זאגט אייביג, אז 'יטב לב איז קודש קדשים'. **אז מיר וועלן ארויסנעמען די כד של זהב פונעם מלך,** מיר האבן געהאלפן אוועקשטעלן די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל, **וועלן מיר שוין אינאיינעוועגס אויך געהאלפן ווערן,** מען וועט אונז אויך געבן, מיר וועלן אלע האבן גענוג צו קענען בויען אונזערע בנינים.

ס'איז דא א באקאנטע מעשה - און איך האב גערופן **הגה"צ רבי מנחם מאיר ווייסמאנדעל שליט"א** נייטרא רב פון מאנסי, און ער האט מיר מאמת געווען די מעשה.

זיין פאטער **הגאון הצדיק המפורסם רבי מיכאל בער ז"ל ראש ישיבת נייטרא,** האט אמאל געבעטן מ'זאל מאכן אן אפיעל אין וויליאמסבורג פאר נייטרא ישיבה, איז די הנהלה פון די מוסדות אין וויליאמסבורג אריינגעקומען צום רבי'ן, זיי האבן געזאגט פאר'ן רבי'ן: "רבי, מיר האלטן יעצט פאר א דינער פאר אונזערע מוסדות, וויאזוי קען מען לאזן נייטרא מאכן א אפיעל יעצט ביי אונז אין ביהמ"ד?"

האט דער רבי געזאגט: "דעת תורה איז היפך דעת בעל הבית, דעת תורה זאגט,

אז ווען א איד גייט געבן געלט פאר נייטרא, וועט פאר אונז אוודאי און אוודאי געבן".

ווען מען געט געלט פאר מוסדות יטב לב, פאר אונזערע בנינים אין ארץ ישראל, די אלע אידן געבן פאר אונז דאפלט און טריפלט, און ברוך ה' מען זעט עס מיט די אייגענע אויגן.

די שווערע צען יאר!

אבער האמת ניתן להאמר, לאמיר זיך אביסל אויסשמועסן.

אונזערע מוסדות דאהי זענען דורך איינס פון די שווערסטע קריזיס וואס א מוסדות קען דורכגיין. מיט צען יאר צוריק איז די גאווערמענט אריינגעקומען צו אונז אין די אפיסעס, זיי האבן צוגענומען אלע אונזערע קאמפיוטערס, אלע אונזערע בוקס און רעקארדס, ס'איז געווען א מצב פון תוהו ובוהו, מיר האבן נישט געוואוסט וואו גייט מען דא ווייטער?

זיי האבן צוגענומען אלע אונזערע פראגראמען, זיי האבן אפגעשטעלט אלע אונזערע אינקאמס, און מ'האט נישט געוואוסט וואס גייט דא זיין? ס'האט באדראעט שווערע תפיסות פאר צענדליגער מענטשן.

איך געדענק נאך ווי היינט, אז איינמאל איז ר' חיים לעפקאוויטש זאל זיין געזונט און שטארק צוריקגעקומען מיט א שמחה, אז ער האט געהאט א מיטונג מיט די פראסעקיוטער, און דער פראסעקיוטער האט אים געזאגט: "איך געב דיר מיין ווארט אז די מלמדים מיט די טיטשערס גיי איך נישט פראסעקיוטן". דארט האט עס געהאלטן.

מיר זענען געווען אין א מצב פון תוהו ובוהו. אונז פלעגן מיר זיצן יעדע נאכט, ביי ידידי ר' אהרן ווייס אין שטוב, גאנצע נעכט, מיט ר' הלל ראזענבערג, ר' ברוך מרדכי גאלדבערגער, ר' אברהם יושע גלאנץ, מ'פלעגט טראכטן און זען וואס מ'קען טוהן. אויפ'ן לעגאלן פראנט האבן מיר נישט געשפארט קיין איין דאלאר, מ'האט געספענדעט מיליאנען דאלאר. - ר' אברהם האט פריער געזאגט אז ס'האט געקאסט 17 מיליאן דאלאר. דאס איז חוץ די קנסות וואס מיר האבן געדארפט באצאלן פון שווערע מיליאנען דאלאר.

און ברוך ה', דער אייבערשטער האט געהאלפן, שלא יבוטל התמיד, מיר זענען אנגעגאנגען מיט די הייליגע עבודת הקודש, ס'האט זיך נישט אנגעזען אויף די רוחניות פונעם מוסד קיין כהוא-זה, מ'האט געטוהן אלעס וואס מ'האט געקענט, מ'האט מיט מסירות נפש באצאלט די מלמדים יעדע וואך, מ'האט באצאלט אלע מארטגעדזשעס, די באסעס זענען געפארן אויפפיקן די קינדער, קיינער האט ניטאמאל געוואוסט, דאס איז פון די זאכן וואס השתיקה יפה להם, מיר האבן נישט געוואלט אפילו פון דעם רעדן.

איך געדענק, ס'איז געווען קאוויד, ס'האט זיך געגאסן מיליאנען דאלאר אין די גאסן, אלע מוסדות האבן באקומען געלט, מיר זענען געשטאנען און געקוקט, אונז טארן מיר נישט נעמען און אונז קען מיר נישט נעמען. מ'האט פארלאנגט אז אלע אונזערע מלמדים און איינגעשטעלטע זאלן ארויפגיין לעגאל אויף פעיראל, ס'האט אפגעקאסט מיליאנען דאלאר וואס ס'האט צוגעלייגט צו אונזער בודזשעט א יאר.

דער הייליגער רבי זי"ע באגלייט אונז!

אין די שווערע צייטן האבן מיר ב"ה זוכה געווען צו מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך. אונז האבן געהאט זייער אינטערסאנטע מעשיות, ווי מ'האט געזען בחוש ווי דער כח פון רבינו הק' זי"ע באגלייט אונז.

איך וועל פארציילן איין קליינע מעשה. אויף איינס פון אונזערע איינגעשטעלטע האט דער פראסעקיוטער פארלאנגט, און עס האט אים געדראעט 5 יאר אין תפיסה. ס'האט נישט געהאלפן קיין פודינו ומצילנו. ס'איז געווען אנגעשטימט א געריכט, ערב פסח איז געווען די קאורט.

ווען מיר זענען אנגעקומען אינעם געריכט זאל, זעהן מיר ווי עס זיצט דארט א איד מיט א קליינעם קאפל, מיר האבן נישט געהאט קיין אהנונג ווער דאס איז, מיר האבן זיך געוואונדערט צווישן זיך: ווער איז דער איד? מיר האבן קודם געמיינט, אפשר איז ער געקומען פון "אלף", אלף אינסטיטוט האט אונז זייער געהאלפן, אבער זיי האבן געזאגט אז זיי קענען נישט דעם איד.

דער דזשאדזש הייבט אן אויסצוהערן די טענות, און די לויער הייבט אן פארצולייגן: אז דער אינגערמאן פון אונזערע איינגעשטעלטע דארף זיין

אינדערהיים, ער האט א קינד מיט וועמען ער געבט זיך אפ, און מ'דארף אים האבן אין שטוב. אבער דער דזשאדזש און דער פראסעקיוטער זאגן: "דאס איז נישט קיין תירוץ צו גנב'ענען, און אונז דארפן יר מאכן א סעמפל, אונז וועל מיר וויזן אז מען טאר נישט גנב'ענען".

דער מצב איז געווען זייער ביטער.

אונזער לויער האט געבעטן, אפשר זאל מען אים געבן דריי יאר הויז ארעסט, אבער דער דזשאדזש האט נישט געוואלט הערן דערפון.

אינמיטן די גאנצע סעשאן, זאגט דער דזשאדזש, אז ער וויל ארויסגיין פאר 'ריסעס', אזוי הייסט עס.

ווען ער איז ארויסגעגאנגען, זעט מען ווי דער איד וואס איז געזיצן דארט פארנט איז מיטגעגאנגען. און דער דזשאדזש איז געבליבן שמועסן מיט אים.

נאך פינף מינוט איז ער צוריק אריינגעקומען, און ער רופט זיך אן: "וואס זאל איך ענק זאגן, לאמיך אויסטוהן דעם היטל פון א דזשאדזש, לאמיך אנטוהן א היטל פון א סאשעל ווארקער; ווי קען איך נעמען א איד וואס האט א קינד וואס דארף זיין העלפ, און אים איינזעצן אין תפיסה? איך האב א ברודער, זאגט דער דזשאדזש, וואס איז נישט געזונט, און איך אליין דארף מיך אפגעבן מיט אים, ווי קען איך נעמען א טאטע און אוועקלייגן?"

און ער זאגט פאר'ן לויער: "דו ביסט נישט גערעכט! איך געב אים ניטאמאל קיין איין מינוט הויז ארעסט. איך וועל אים געבן בלויז 5 יאר פראבעישאן".

מיר ווייסן נאך עד היום הזה נישט ווער דער איד איז געווען. נאכ'ן קארט זעמיר אונז געגאנגען צו אים, אבער ער איז נעלם געווארן. דאס איז געווען די מעשה.

מ'האט געזען דארט אז דער הייליגער רבי זי"ע באגלייט אונז, די ברכות וואס דער רבי זאל זיין געזונט האט אונז געגעבן אז ס'וועט אונז גארנישט שאטן, האט אונז געהיטן אויף טריט און שריט.

דער רבי זאל זיין געזונט איז געשטאנען צו אונזער האנט ווי א לייב, דער רבי האט מיר אמאל געזאגט: "חזקי, זאג מיר וואס דו דארפסט, וואו דו דארפסט, ווען דו דארפסט, בין איך גרייט צו גיין מיט דיר איבעראל. אז מען דארף געלט בין איך דא צו העלפן".

שווערע דריי יאר מיטן 'מאניטער'

שפעטער האט דער מוסד מיט שוועריגקייטן אויסגעארבעט מיט אונזערע לויערס - איין תקופה האבן מיר געהאט איבער 16 לויערס; יעדע מענטש וואס האט געדארפט א לויער, יעדער פון אונזער מוסד וואס האט באקומען א סובפינע האט מען געדארפט געבן א עקסטערע לויער, און איך דארף ענק נישט זאגן אז די לויערס ארבעטן נישט אומזיסט.

איז אונז געלונגען ב"ה, די גוטע זאך איז שוין געווען אז דער פראסעקיוטער האט מסכים געווען אונז צו געבן א "די.פי.עי." אגרימענט, דאס מיינט אז זיי גייען אונז נישט אינדייטן (אנקלאגן), אבער זיי גייען אריינלייגן א "מאניטער" (מפקח) אין מוסד.

וואס דאס מיינט א "מאניטער" האבן מיר נאך דעמאלטס נישט געוואוסט, היינט ווייסן מיר שוין גוט.

א מאניטער מיינט, איינער וואס עסט אויף די יארן, יעדן איינציגן טאג. יעדע זאך וואס מ'האט געטוהן האט מען געמוזט געבן א הסבר, מ'האט אים געמוזט מסביר זיין פארוואס מ'טוט אזוי, פארוואס מ'טוט אהער, און פארוואס מ'טוט אהין. ער איז א גוי פון קאליפארניע, ער האט נישט קיין אהנונג וואס מיינט א אידישער מוסד, ער ווייסט נישט וואס ס'מיינט א מוסד החינוך. אונז האמיר אים אלעס געדארפט מסביר זיין, יעדן טאג פון פריש, און ער האט זיך גע'טענה'ט און געקריגט.

בשורה מרנינה: הוציאנו מאפילה לאור גדול!

אונז האמיר געהאט טייערע אידן, פראפעשענעלס וואס האבן אונז געהאלפן, **הרב משה סילק** און זיין גאנצע טיעם, **הרב שמעון שטערנהיל**, אונז האמיר געהאט אידן וואס האבן זיך אוועקגעגעבן זייערע טעג און נעכט.

ב"ה אונז האמיר געהאט די זכי' אז אונז האמיר אזא גוטע אדמיניסטראטאר **ר' יואל וועלץ**, ער האט אריינגעלייגט שווערע כוחות אז אלע פאפירן זאלן שטימען, יעדן חודש האט מען געדארפט שיקן רעפארטס, ס'פלעגט צוריקקומען אזעלכע נעסט"י מעסעדזשעס אז אונז זעמיר נאך אלץ נישט גוט, אונז זעמיר נאך אלץ נישט גוט.

און ב"ה, דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן, אז פאריגע וואך דאנערשטאג האט דער דזשאדזש דערקלערט, אז אונזערע הייליגע מוסדות זענען נאכגעקומען אלע פארלאנגען (געמע"ט אלע קאנדישענס), און מיר זענען פריי פונעם מאניטער, און מיר קענען מהיום והלאה זיך פירן אליין.

און ווי דער רבי זאל זיין געזונט האט געזאגט, אז מ'זאל מאכן אויף דעם א "ברוך שפטרנו"...

מיר שטייען יעצט דא אין דעם זאל, וואס דאס האבן מיר געבויט מיט בלוט, מסירות נפש בדמים תרתי משמע, אין אזעלכע שווערע יארן, מיט אזויפיל איבעריגע קאפ ווייי, און מיר האבן געהאט די זכי' צו קענען אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט, קען מען מאכן נאך א ברכה, "ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה"!

העוסקים בצרכי ציבור באמונה

דער הייליגער חתם סופר זאגט אויף קרח, אויף דעם מדרש וואס די גמרא ברענגט אין סנהדרין (דף קי.), רבי יוחנן זאגט, 'קרח לא מן הבלועים ולא מן השרופין', אז קרח איז נישט איינגעזינקען געווארן, ער איז געבליבן לעבן.

זאגט דער חתם סופר, וואס פאר א שטראף האט קרח באקומען? דאס הייסט יעדער איז געווארן איינגעזינקען און ער איז געבליבן לעבן? זאגט דער חתם סופר, אז די גרעסטע שטראף פאר א מענטש איז, ווען ער זעט אז ער איז געווען אן עושר און ער האט געהאט אלע פארמעגנס, ער האט געהאט אלעס אויף די וועלט, ער האט געהאט ר"נ ראשי סנהדראות, ער האט אלעס געהאט, און פלוצלינג האט ער אלעס פארלוירן און ער איז געבליבן איינער אליין.

מורי ורבותי, מיר דאנקן דעם אויבערשטן אז מיר זענען קיינמאל נישט געבליבן אליין. מיר האבן געהאט אונזערע שותפים לדבר מצוה, אונזערע חשוב'ע טייערע חברי הנהלה, זיי האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ובנפש, צי ס'איז די חברי הנהלה וואס זענען געווען דא פונעם ערשטן טאג, הרה"ח ר' **מנחם גרשון לעבאוויטש**, הרה"ח ר' **אלעזר קליינבערגער**, הרה"ח ר' **שמואל דוד מארקאוויטש**, און אלע אנדערע.

צי ס'איז געווען די אידן וואס זענען אריינגעקומען דעמאלטס אין די שווערע צייטן, הרה"ח ר' **אברהם יצחק קאהן**, הרה"ח ר' **אברהם בראך**, הרה"ח ר' **שלום יצחק יאקאבאוויטש**, און הרה"ח ר' **יעקב קאהן**, אידן וואס האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ובנפש אז דער מוסד זאל אנגיין, און ב"ה א דאנק דעם שטייען מיר וואו מיר

שטייען, צו קענען גיין ווייטער מיט דעם נייעם בנין.

ווען איך רעד דא פון דעם בנין, איך גיי נישט אריינגיין לספר את כל התלאה וואס מ'איז אדורכגעגאנגען מיט דעם איינעם בנין. איך געדענק ווען מיר האבן אנגעהויבן, די באנק האט אונז אפגעזאגט די מארטגעדזש ווייל מיר זענען קרימינאלן... האבן מיר געמוזט אליין באצאלן 10 מיליאן דאלאר אן א באנק. און ב"ה אז טראץ די שווערע צייטן זענען מיר זוכה צו שטיין דא.

אינצווישן האבן מיר געבויט א נייע בנין פאר די ישיבה קטנות אויף העריסען, וואס די ישיבות לערנען שוין דארט ב"ה.

אולמי שמחות חדשים לאנשי שלומינו

מיר האבן זוכה געווען צו עפענען דעם **"בנין ריספלער"** וואס איז געווען פארמאכט יארן. און ידיד נפשי **הרה"ח מו"ה פישל ריספלער און זיין חשוב'ע מאמע תחי'** האבן דאס געענדיגט, און זיי האבן געבויט אין דעם בנין די **"גינת אסתר"** זאלן. ס'האט זיי געקאסט קרוב צו 10 מיליאן דאלאר, און דאס שטייט לשביעת רצון פון אלע אנשי שלומינו, וואס יעדער איינער בענטשט זיי יעדן איינציגן טאג, און זענען אויך זוכה צו די אלע ברכות וואס די קינדער זיי בענטשן יעדן טאג, "הרחמן הוא יברך את בעל הבית הזה".

ווען דאס איז פארטיג געווארן, האט ר' פישל געזאגט: "ווי קען מען לאזן א מיידל סקול אן א אודיטאריום?" איז ער געקומען אז ער גייט בויען א פרישע נייע בילדינג, וואו מ'גייט בויען א אודיטאריום. אבער מ'בויט נישט נאר א אודיטאריום, דארט גייט מען בויען א נייע בילדינג און מאכן נאך "שמחה זאלן". ער וויל מאכן "תנאים זאלן", נאך כיתות און נאך כיתות.

והאמת אגיד, אז מיר זענען אזוי נתרגש געווארן פון ר' פישל'ס נדבות, אז מיר האבן באשלאסן, מען מוז אים נאכמאכן, קנאת סופרים תרבה חכמה. פון דעם איז געבוירן געווארן אז **דא גייט מען אויך מאכן א פרישע חתונה זאל, ס'וועט זיין א ביליגע חתונה זאל לשביעת רצון פון אנשי שלומינו.** ר' פישל זאגט אז ער קען נישט נאכקומען דעם פארלאנג, ס'איז נישטא גענוג נעכט פארן ציבור, מענטשן ווארטן שוין איבער א יאר צו קענען חתונה מאכן, ועתה ירחיב ה' לנו בעזרת ה'.

שותפים לדבר מצוה

איך וויל באגריסן מיין ידיד הרה"ח ר' **אברהם יודא מאנדעל**, וואס טאקע ביי הרה"ח ר' מאיר זעליג [ריספלער] ע"ה אין אפיס האט ער מנדב געווען דעם "שם הבנין". ער איז געווען רעדי פון דעי-וואן צו באצאלן דעם בנין, נאר מיר זענען נאך נישט געווען גרייט. ס'איז געווען א פארקערטע מעשה ווי געוועהנליך... ר' אברהם יודא איז געווען גרייט צו שרייבן יעדן טאג דעם טשעק, מ'פלעגט מיך רופן: "וואו האלט מען?"... איך האב אים נישט געוואוסט וואס צו זאגן. אבער ב"ה אז מ'האלט שוין דא, ווען מ'איז זוכה לברך על המוגמר, מיר גייען בקרוב אריינקומען אין דעם בנין און דאס באנייען פאר חינוך הבנות.

איך קען נישט פארגעסן די צווי יונגעלייט, **ר' פסח קאהן** און זיין ברודער **ר' יושע קאהן**, די צווי "כהנים זריזין הם", שלוחא דרחמנא וואס האבן אויפגעבויט דעם גאנצן בילדינג בלי תשלום גמול!

"קרן שכלול הבנינים"

ידידינו הרה"ח ר' **מנחם גרשון לעבאוויטש** האט מיר פאריגע וואך געזאגט, אז ס'איז צייט מ'זאל עפענען א פאנד, מ'זאל גיין בקום ועשה, איבערבויען אונזערע בנינים, דער בנין התלמוד תורה אויף ווייט עוועניו, דר בנין בית רחל אויף טעפי פלעיס. איך בין מכבד די צווי ברידער'ס זאלן ווייטער אנגיין און אונז ארויסהעלפן איבערבויען די אלע בנינים.

איך וויל באגריסן די אלע מתנדבים בעם, זה בכה וזה בכה, אלע וואס האבן געגעבן שטאקן, שערים, חדרים, פענסטערס, לעכט, עיר קאנדישאנס, די אלע זכותים, יעדער איינער וואס געבט עפעס אין דעם בנין, האט א זכות אין בויען דעם גאנצן בילדינג.

והראנו בבנינו ושמחנו בתיקונו

ס'איז דא א ווארט פון הגה"ק **מהרי"ל דיסקין** זצ"ל (סו"פ בהעלותך), ער זאגט אויף דעם פסוק וואס תוספות ברענגט, 'טבעו בארץ שעריה'. פרעגט ער: פארוואס טאקע האט דער אייבערשטער געמאכט אז די שערים זאלן איינזינקען און ס'זאל בלייבן אויף לעתיד?

ווייל מיר ווייסן אז דער בנין בית השלישי וועט אראפקומען בנוי ומשוכלל משמים, ס'וועט אראפקומען אינגאנצן פון הימל. שטעלט זיך אבער א מורא'דיגע שאלה, וואס וועט זיין מיט די מצוה פון 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם'? אידישע קינדער וועלן אויפגעבן אויף די מצוה פון בויען דעם בית המקדש?

זאגט רבי יהושע לייב, אז דער אייבערשטער האט אוועקגעלייגט די שערים, די גמרא זאגט אין בבא בתרא (דף נג:) 'הבונה פלטרין גדולים בנכסי הגר, ובא אחד והעמיד להן דלתות קנה', דורך ארויפלייגן די דלתות, די שערים, מיט דעם איז קונה דעם גאנצן בנין, דאס מאכט אז די גאנצע הויז זאל זיין כאילו ער האט עס געבויט. וויבאלד דער אייבערשטער גייט אראפברענגען דעם בית המקדש אינגאנצן געבויעט, האט ער איבערגעלאזט די שערים, כדי אז דאס זאלן אידישע קינדער קענען ארויפלייגן, און מיט דעם ווערט דאס פארערכנט כאילו מיר האבן געבויט דאס גאנצע בית המקדש.

טייטשט ער די תפלה פון מוסף למועדים, **"והראנו בבנינו, ושמחנו בתקונו"**, מיר וועלן זוכה זיין צו זען דעם בנין בית המקדש השלישי בבנינו, אבער "ושמחינו בתיקונו", אונז וועלמיר זיך פרייען מיט דעם אז מיר האבן געהאט א חלק דערין, דורך דעם וואס מיר האבן מתקן געווען דעם בנין.

מורי ורבותי, יעדער וואס געבט דא א כיתה, אדער א שטאק, אדער סיי וועלכע חלק אין דעם בנין, האט א חלק אינעם גאנצן מוסד! נישט נאר אין דעם בנין, נאר אויך אין אלע אנדערע בנינים. דאס געבט אונז כח אנצוגיין, מיר זאלן קענען בויען פרישע בנינים. און בעזר ה' וועלן מיר ענק נישט פארשעמען, און מיר וועלן נישט פארשעמען דעם כבוד פון סאטמאר!

דער אייבערשטער זאל העלפן, די אלע אידן וואס האבן זיך צוגעשטעלט דא זאלן זוכה זיין צו האבן השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, מ'זאל האבן אלע השפעות צו קענען באצאלן גרינגערהייט, ביז מיר וועלן זוכה זיין לברך על המוגמר מיט א ברכת שהחיינו, און מיר וועלן גיין קעגן גואל צדק ומלכינו בראשינו בב"א.

בָּרוּךְ מַרְחִיב גְּבוּלִים יָם וְדָרוֹם יְרָשָׁה:

ערשטער שטאק פון נייער בנין אויף "50 טעפפי פלעיס" ווערט אהערגעשטעלט מיט רייע קלאסן פאר 12'טע קלאס באנוץ

גרויסע 12'טע קלאס "אוידיטאריום" ווערט אהערגעשטעלט אויף 2'טע שטאק

אין א גייסט פון 'מחיל אל חיל', אונטערן רושם פון די היסטארישע פתיחת שערים פון דעם נייעם 'בנין מאנדעל' פאר די קלענערע תלמידות, ענדיגט מען יעצט אויך א פרישע קאפיטל פון הרחבת גבולי הקדושה ביים אנדערן ווינקל פון וויליאמסבורג, אויף 50 טעפפי פלעיס, וואס געפינט זיך הארט נעבן דעם יעצטיגן גרויסן בנין "בית רחל הויך שולע - בנין הילמאן", וואו עס ווערט יעצט אויפגעבויעט א רייע פרישע קלאסן פארן באנוץ פון די 12'טע קלאס תלמידות.

דער נייער בנין אויף "50 טעפפי פלעיס", איז געקויפט געווארן מיט דעם געדאנק דאס צו באהעפטן אלס אלס צווילונג-שוועסטער צום יעצטיגן 'בנין הילמאן', וואס געפינט זיך הארט דערנעבן, און דאס פארוואנדלען ווי איין גרויסער בנין לחינוך הבנות.

דער נייער בנין פארמאגט 4 גרויסע שטאקן, אין א גיגאנטישע גרויסקייט פון 20,000 סקווער פוס, וואס איז 5,000 סקווער פוס פער שטאק.

דער בנין איז אפגעקויפט געווארן פארגאנגענעם חודש כסלו תשפ"ו. אין לויף פון די לעצטע חדשים האט מען געארבעט מיט די פלענער אהערצושטעלן א מעכטיגן פעסטונג לחינוך הבנות, צו קענען פארוואנדלען דעם נייעם בנין אלס טייל פון "בית רחל הויך שולע", צו דינען אלס באזע פאר חינוך הבנות לאורך ימים, געבויעט מיטן פולסטן שיינקייט און פראכט פארן באנוץ פון די תלמידות.

דער נייער בנין רופט ארויס שטראלנד-פרייליכע און דערקוויקנדע נייעס ביים גאנצן ציבור אנשי שלומינו, איבער די פריידיגע הרחבת גבולי הקדושה אינערהאלב מוסדותינו הקדושים אין וויליאמסבורג, און קומט אין די זעלבע צייט ווען דאס הארץ שטורעמט מיט די היסטארישע הרחבת גבולי הקדושה פון צוויי נייע פרעכטיגע בנינים לטובת חינוך הבנות פון אונזערע טעכטער, דער 'בנין מאנדעל' אויף אויף בעדפארד-קיעפ, וואס איז א מאיעסטעטישער זעקס שטאקיגער געביידע, באגלייט מיט א נייע פראכטפולע "חתונה זאל" און הערליכע "שמחה זאלן" פארן באנוץ פון אנשי שלומינו.

וטובים השנים, האלט מען מיט מיט שפאנונג די בשורה מרנינה איבער דעם שפאגל נייעם בנין אויפן שטח הגדול "בית רחל בנין ריספלער השלישי", וואס וועט ווערן געבויעט זייט ביי זייט נעבן די יעצטיגע צוויי "בניני ריספלער" אויף סענפארד סטריט, אלס דריטער פון די "בניני ריספלער" המפוארים, און וועט דינען ווי א לעכטיגע באזע פאר חינוך הטהור פון די אלפי בנות ישראל כשירות וצנועות תלמידות בית רחל וואס וועלן נתחנך ווערן צווישן די ווענט פון די בנינים עד ביאת הגואל בקרוב, אינאיינעם מיט הערליכע "שמחה זאלן" פארן ציבור אנשי שלומינו.

און צום דריטן מאל... האט מען שטילערהייט אויך פארגעזעצט די הרחבת גבולי הקדושה ביים נייעם בנין אויף טעפפי פלעיס, וואו עס איז געווארן אהערגעשטעלט א רייע קלאסן אויף די ערשטע שטאק פונעם בנין, וואס וועט אריינברענגען א שטארקע הרחבת הדעת אין דעם גאנצן אפטיילונג פון די 12'טע קלאס תלמידות.

דער דערנעבענדיגער 'בנין הילמאן' דינט שוין עטליכע יאר פאר די עלטערע תלמידות פון "הויך שולע", פון 9'טע קלאַס און העכער. דער 'בנין הילמאן' פארמאגט 26 קלאַס צימערן מיט הונדערטער תלמידות בליעה"ר, 6 קאָמפּיוטער קלאַסן, 7 גרויסע נייען צימערן, און 2 אוידיטאָריום זאַלן פאַר פּראָגראַמען און דרשות.

צוליב דעם גרויסן צאל און וואוקס פון די תלמידות האט מען געמוזט נוצן דאס גאנצע פלאץ פאר די קלאסן פון 9 ביז 11, און פאר די תלמידות פון די 12'טע קלאַס בויעט מען יעצט א באזונדערן אָפּטיילונג אינעם נייעם בנין.

אויף די 2'טע שטאק ווערט אויפגעבויעט א גרויסע "12'טע קלאס אוידיטאריום", וואס וועט דינען פאר די גרעסערע פראגראמען און דרשות, דאווענען און דאס גלייכן.

ווי נאר דער אונטערשטער טייל פונעם בנין וועט אריינגיין אין באנוץ, האפט מען בעז"ה פארצוזעצן מיט די העכערע שטאקן, וואו עס וועט ווערן אויפגעבויעט א רייכע צענטער פון די "מוסדות אפיסעס", מיט אלע איינריכטונגען וואס פעלט זיך אויס פאר אזא מאסיווע אפאראט פון די מוסדות הקדושים וואס אנטהאלט א נעץ פון בנינים, און טויזנטער תלמידים ותלמידות בליעה"ר.

הרחיבו מקום אהלך.

לכל היד החזקה
אשר עשה חש"ה

נעימה חיבתיני בצאת השנה, להזיל סל ברכה ברננה, לאילה שלוחה נפתלי
פה המתגבר לטובת הפרט והכלל, בסייעתא דשמיא ממעל, לכל מטה נפתלי
תהלתו בקהל חסידים, ארוב בפי כל ידידים, שבחו על מרומי שדה נפתלי
לימין מיסדותינו הקדושים, לבו וראשו הומים ורוגשים, זאת נחלת נפתלי
ידיד כל בית ישראל, באהבה לכל ההולכים בדרכי רבינו ייאל, שבע רצון נפתלי

מזמור שיר נריע, בתודה יתהלה לרביע מול ידידינו הנעלר זה ראיש משה
שבחו מי ימלל, אין גומרין עליו ההלל, תמיד מוכן 'הנני הנני' יעי' משה
הוא הגבר שהתייצב לימיננו, לשכליל וביסוס בית חיינו, אין ברוך כמשה

הרבני הנערץ החשוב רב תבונות, עושה ומעשה לטובת הכלל
והפרט, איש חי ורב פעלים, נודע בשערים במעשיו המהוללים,
עושה חסד לרוב בלי תשלום גמולים, ידידינו הנכבד הנערץ והנעלה,
פאר המדה והמעלה, אוצר כלי חמדה וסגולה, נודע לשם ולתהלה,
בש"ת

מו"ה נפתלי משה
אינדיג הי"ו

שר העסקנים של היהדות החרדית
בחצרות שרים ורוזנים

תורה ויראה

שלח מש"ה עבדו - ברכת השנה בנהירים
בשם כל קהל עדתינו נעלה ונרומם תוקף פעולות תפארתו על מעשיו הכבירים
רוזנים וחצרות שרים העיר והאיר פעם אחר פעם לטובת המבצרים האדירים
בארי התנשא לפתיחת שערינו לקראת השנה החדשה מכל סיג ופגם משומרים
תבתב לדור סגל מעשיו לטובת בנין בית רחל החדש בחכמה פותח שערים
זאת אות תהלה אשר נושיט לעומתו, על כל הטוב והחסד אשר עשה בטוב בשרונותו, לעמוד במקום רוזנים ברוחב תבונתו, מש"ה עבד נאמן על קצוי ארץ תהלתו, יומם ולילה לא יחשה לעמוד לפני העדה לשרתו, בבן נודה לשמו ונפארנו על הדר צדקתו, לתת על ראשו כתר תואר ההולמתו
פרס פעולות השנה
בקרב מוסדותינו הקדושים והטהורים עם אלפי תלמידים ותלמידות בליעה"ר
להמשיך חינוך הטהור לבנים ולבנות מיסודו של מרן רבינו הקדוש והטהור זיע"א ולעשות נחת רוח לנשיא אלקים בתוכינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
הרחמן הוא יברך אותו ואת ביתו יעלה תחנונינו לאדון כל היצורים
שנה טובה ומתוקה יכתב ויחתם לאלתר לחיים בעת פתיחת ספרים
נצח סלה ילווהו תוקף סגל מעשיו הגדולים בעושר ואושר קרנו בכבוד ירים
הללו שמו ויזכר לטוב ביום הכסא בזכות רבותינו הקדושים עצי התמרים
podium.nyc

כְּלוּלַת מִגְדָּלִים נָאִים, לְפִי עִנְיַן הַבַּנָּאִים:

אינטענסיווע אונטערנעמונג "קרן מִגְדָּלִים נָאִים" פאר גענצליכע איבערפרישונג אין עקזיסטירנדע בנייני המוסדות, נאך גאנצע 20 יאר פון באנוץ לחינוך הבנים והבנות

געמאלדן דורך איש גבור חיל הרבני הנדיב הנגיד החסיד

מו"ה **יחזקאל דוד בערקאוויטש** הי"ו

חבר הנהלת המוסדות

ביי זיין דרשה ביים מעמד נהדר 'בנוי לתלפיות' פארגאנגענעם א' קרח תשפ"ו לפ"ק
אין נייעם בנין בית רחל - בנין מאנדעל

גייענדיג צום דריק: שוין אינוועסטירט קרוב צו "מיליאן דאלער" אין גראנדיעזן איבערפרישונג פראיעקט

אין א דערקוויקענדע שריט וואס האט אריינגעברענגט א פרישן גייסט אינערהאלב די בניני המוסדות, איז די פריידיגע מעלדונג וואס איז געווארן געמאלדן דורכ'ן איש הציבור ואיש המוסדות, דער רוח החיים ובונה ומקים עולמות של תורה וחסידות, הרבני הנגיד מו"ה יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות, אז אין די קומענדיגע תקופה וועט מען בעז"ה זיך נעמען צום גראנדיעזן פראיעקט, פון פריש איבערבויען די יעצטיגע בניני המוסדות, דער בנין התלמוד תורה אויף ווייט עוועניו, און דער בנין בית רחל אויף טעפי פלעיס, וועלכע שטייען שוין יארן אין דינסט צום באנוץ פון חינוך הבנים והבנות דורך די טויזנטער תלמידים ותלמידות בליעה"ר.

די פריידיגע מעלדונג איז געהערט געווארן ברבים, ביים פרעכטיגן מעמד "בנוי לתלפיות" וואס איז פארגעקומען הארט פארן זומער, ביום א' קרח תשפ"ו, אלס רייכע מלכות'דיגער מעמד חתימת שטרות וקנין זכותים מיט הונדערטער סאטמארער נדיבים פונעם נייעם בית רחל החדש 'בנין מאנדעל', בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

דער מעמד 'בנוי לתלפיות' האט צוזאמגעברענגט א קיבוץ פון א רייע סאַטמאַרער פילאַנטראָפּן און גרעסערע נדבנים וועלכע האבן גענומען דעם זכות נצחי צו קויפן גרויסע זכותים אינעם נייעם בנין וואס האט געהאלטן אין די לעצטע שטאפלען איידער פתיחת שערים. די גאלעריע פון נגידים מפורסמים ראשונים צו יעדע דבר שבקדושה אין ק"ק סאַטמאַר, האבן געהאט די געוואלדיגע זכי' צו נעמען א פרישן זכות שותפות מיט רבינו הק' זי"ע און אַ חלק אין חינוך הבנות אין דעם נייעם בנין, וואס האט געגעבן דעם לעצטן שטופ צו קענען עפענען דעם בנין בעתו ובזמנו. (זעה באזונדער נייעס פון דעם מעמד).

איינס פון די שענסטע מאמענטן ביים מעמד איז געווען ווען מען האט אויפגערופען דעם מוסדות-העלד, הרבני הנדיב הנגיד החסיד מו"ה יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות, וועלכער שטייט אין שפיץ פון אלע פעולות נשגבות אינערהאלב די מוסדות הקדושים, אנגעהויבן פון די ערשטע שטאפלען מיט העכער צוואנציג יאר צוריק, און אויך יעצט ביי דעם נייעם בנין האט ער זיך אריינגעווארפען מיטן גאנצן לייב און לעבן ממסד ועד הטפחות, ביז ער האט זוכה געווען צו זען הבית בהבנותו.

שטייענדיג ביים מייקראפאן, האט **ר' יחזקאל דוד הי"ו** איבערראשט דעם אנוועזנדן ציבור מיט זיינע טרעפליכע ווערטער איבער די השתלשלות פונעם נייעם בנין, און דערביי דערמאנט אין קורצע ווערטער די שווערע תקופות וואס די מוסדות זענען אריבער, אין די שווערע צען יאר מיט די רעגירונג, ביז מ'איז אנגעקומען צו יענעם מאמענט, ווען פונקט עטליכע טעג צום מעמד, יענעם דאנערשטאג פר' שלח, איז מען בעז"ה ארויס פון די מיטמאכענישן, צו א פריידיגע לעכטיגע עתיד, בעזרת השם יתברך.

מיט א גערירטע שטימע איז ר' יחזקאל דוד אריבער את כל התלאה אשר מצאתנו, און דער יד ה' און כוחו וזכותו של אותו זקן רביה"ק זי"ע וואס האט באגלייט די אלע יארן, ובפרט אז מ'האט געקענט אנגיין מיט די עבודת הקודש

מיט מסירות נפש און באצאלט די כלי קודש און מארטגעדזשעס אין צייט, די געוואלדיגע חיזוק וואס די הנהלת המוסדות האט באקומען פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי דער רבי האט זיך אויסגעדריקט: **"זאג מיר וואס דו דארפסט, וואו דו דארפסט, ווען דו דארפסט, בין איך גרייט צו גיין מיט דיר איבעראל".**

ביים שלוס פון די דרשה האט ר' יחזקאל דוד הי"ו דערמאנט די גרעסערע נדיבים פון די בנינים, סיי פון דעם נייעם בנין און פון די אנדערע בנינים, און דאן געמאלדן אז שטייענדיג ביים חנוכת הבית פון דעם נייעם בנין, גייט מען באלד מחיל אל חיל, עס ווערט אטעבלירט א פרישער "קרן שכלול הבנינים", וואס וועט האלטן פאר איר ציל צו איבערבויען די פריערדיגע בניני המוסדות, לשם ולתפארת פאר חינוך הבנים והבנות.

די בניני המוסדות, דארף מען קיינעם נישט דערציילן, וויפיל טויזנטער שעות לימוד התורה, עבודת התפלה, קדושה טהרה, חינוך הבנים והבנות, השקפה בהירה, מסורת אבות, איז שוין פון איר ארויס דורכאויס די לעצטע צוואנציג יאר, און בעיקר אין די צוויי גרויסע בנינים מפוארים, דער בנין התלמוד תורה 'בנין ישעי' זאב לעוו' אויף ווייט עוועניו, און דער בנין בית רחל אויף טעפי פלעיס.

פאר דעם צוועק איז געגרינדעט געווארן דער נייער "קרן מְגַדְּלִים נָאִים" לטובת שכלול בניני המוסדות להרחבת דעתן של תינוקות של בית רבן, און מ'האפט בקרוב צוצוטרעטן צו די עבודת הקודש, צו קענען מרחיב זיין דעתם של בני ובנות ישראל, מיט א געוואלדיגע איבערפרישונג אין די בניני המוסדות, לשם ולתפארת.

יעצט בעת די שורות ווערן געשריבן, ערב סוכות תשפ"ז, האט די הנהלת המוסדות שוין אינוועסטירט קרוב צו א "מיליאן דאלער" אלס ערשטע פאזע פון גראנדיעזן איבערפרישונג פראיעקט. עס זענען געווארן אינסטאלירט נייע עיר קאנדישן'ס יוניט'ס אין די דריי בנינים, בנין הת"ת 'בנין ישעי' זאב' אויף ווייט עוו., אין אינעם בנין הבית רחל 'בנין ריספלער' אויף סענפארד סט, און אינעם נייעם בנין הבית רחל אויף טעפי פלעיס האט מען גענצליך איבערגעפרישט די גאנצע עיר קאנדישן סיסטעם.

אויך איז שוין אנגעקומען די מאטריעל צו קענען איבערמאכן די פאדלאגע אינעם בנין הת"ת 'בנין ישעי' זאב', וואס מען וועט טוהן אין די שעות ווען די קינדער געפינען זיך נישט אינעם בנין.

וְהָיִית עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת בְּיַד ה'!

ביים אינסטאלירט נייע עיר קאנדישן'ס יוניט'ס ב בנין הבית רחל 'בנין ריספלער' אויף סענפארד סט.



פרישע מאטריעל אנגעקומען צום בנין הת"ת 'בנין ישעי' זאב'

מתוך דרשת
הרבני הנגיד
החסיד
המרומם בונה
ומקים עולמות
של תורה

מו"ה

יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו

חבר הנהלת המוסדות

אצל מעמד חנוכת הבית "בנוי לתלפיות" - בית רחל החדש 'בנין מאנדל'
א' קרח תשפ"ו לפ"ק

ס'איז צייט מ'זאל עפענען ז
פאנד, מ'זאל גיין בקום ועשר
איבערבויען אונזערע בניני
דער בנין התלמוד תורה או
ווייט עוועניו, און דער בנין בי
רחל אויף טעפּי פלעיס.

תלולה: ״מגדלים נאים״, לפי ענין התנאים

קרן
מגדלים נאים
שכלול בניני המוסדות
להרחבת דעתן של תינוקות של בית רבן

פרטים באים אי״ה

א
שר,
אים,
זויף
בית

וּבְכֵן וּלְךָ תַעֲלֶה קְדֻשָּׁה • וְהָיָה מַחֲנֵינוּ קָדוֹשׁ:

סאטמאר טרעט אריין אין נייעם יאר תשפ"ז מיט אומגלויבליכע זכותים פון התעלות אין "קאָפּ צודעק" ביי נשים

"תקנות" אַוועקגעשטעלט דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א ביי הייליגע אסיפה "שמירה לדורות" דורך הנהלת המוסדות

פייערדיגע דרשה און יסודות איתנים

דורך הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א שטעלט אוועק תקנות לדורות צו היטן אונזערע שטובער לדורות

"ראָשי אַפּליקאַציע"

צוריקגעשיקט דורכאויס זומער דורך אלע עלטערן צו באשטעטיגן ערליכן סטאטוס פון "קאָפּ צודעק" לויט תקנות המוסדות ודרכי הצניעות מיסודו של רביה"ק זי"ע

"מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי קָדוֹשׁ"!

דער הייליגער ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר, די טויזנטער עלטערן פון תלמידי ותלמידות המוסדות, טרעטן אריין אין נייעם יאר תשפ"ז, מיט אומגלויבליכע זכותים נצחיים פון התעלות בצניעות, נאך די קבלות טובות וואס האט נאכגעפאלגט די הייליגע און היסטארישע אסיפה "שמירה לדורות", וואס די הנהלת המוסדות האט ארגאנזשירט פארלאפענעם דינסטאג שלח בפקודת הקודש פון כ"ק מרן רבינו

שליט"א, און האט פארזאמעלט "גאנץ סאטמאר-וויליאמסבורג" תחת קורת גג אחד אין די ריזן זאלן פון "עידן פאלאס", בעצה אחת און מיט איין שטאנדהאפטיגע קבלה, צו בלייבן הייליג און ערליך, אויף די דרכי הצניעות והקדושה המסורה לנו מדור דור.

די הייליגע אסיפה "שמירה לדורות" איז געווען א היסטארישער אווענט, וואס האט אוועקגעשטעלט דעם שטאלצן גייסט פון "וְהָיָה מַחֲנֵינוּ קָדוֹשׁ"; די אלופי אלפים האבן מקבל געווען פון פריש צו היטן די גדרים בצניעות וקדושה בדרכי הוראותיו פון רבינו הקדוש והטהור זי"ע, סיי אינעם ענין פון "קאָפּ צודעק", "צניעות הלבוש", און אין אלע יסודות פון "אל תטוש תורת אמך", זיך צו האלטן טריי צו די הייליגע מסורת אבות ואמהות, אויף די וועגן וואס דער הייליגער רבי זי"ע האט געלערנט און גע'חזר'ט, ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א האט דאס ערוועגט באלד ביים אנהויב פון זיינע דברות קודש, בלשון קדשו: "מיר האָבן מקבל געווען פון פעטער [רביה"ק] ז"ל און פון טאַטן ז"ל צו לייגן דעם דגוש אויף "צניעות" און אויף "קדושה", און נישט אויף אַנדערע זאַכן!"

ביי אט די אסיפה האט הגה"צ דער רב שליט"א פייערדיג אוועקגעשטעלט די פעסטע תקנות לדורות, איבער די לענג פון די שייטעלן און אנדערע עניני צניעות וקדושה, און איז שפעטער געווארן נחתם בטבעת המלך ביי די דרשה פון נשיא המוסדות כ"ק מרן רבינו שליט"א, אז כדי צו קענען שיקן קינדער אין אונזערע הייליגע מוסדות 'תורה ויראה ובית רחל דרבינו יואל', מוז די תקנה פון "קאָפּ צודעק" ווערן איינגעהאַלטן פולקאָם און בשלימות, אָן קיין שום אויסנאַם!"

באלד אין די טעג נאך די אסיפה האט די הנהלת המוסדות ארויסגעשיקט די "ראֹשִׁי אַפּליקאַציע" צו אלע עלטערן, וואו די עלטערן האבן געדארפט אויספילן די פרטים און סטאטוס פון "קאפ צודעק", אז ס'איז חלילה נישט לענגער ווי ערלויבט על פי הלכה והשקפה ומסורת אבותינו מדור דור, און דאס אונטערשרייבן און צוריקשיקן, כדי צו קענען ווייטער מחנך זיין די קינדער אין די הייליגע מוסדות.

דורכאויס דעם גאנצן זומער האט דער פלייץ פון "ראֹשִׁי אַפּליקאַציע" זיך נישט אפגעשטעלט; ערליכע עלטערן האבן געשפירט פאר א זכי' צו באשטעטיגן דעם ערליכן סטאטוס פון "קאָפּ צודעק" לויט תקנות המוסדות ודרכי הצניעות מיסודו של רביה"ק זי"ע, און אויך די וועלכע האבן זיך געגוויטיגט אין א תיקון האבן געטוהן הלכה למעשה, געלאזט אונטערשניידן די לענג פון די שייטלען, צו היטן די גדרי הצניעות והקדושה.

לְהִקָּהֵל וְלַעֲמוֹד עַל נַפְשׁוֹתֵינוּ:

די הייליגע אסיפה "שמירה לדורות"

די הייליגע אסיפה "שמירה לדורות" איז געווארן גערופען אין ליכט פון דעם שרעקליכן מצב וואס הערשט אין די לעצטע תקופה, ווען דער פייער פון ירידת הדורות ברענט און פארברענט ערליכע שטובער, די נסיונות הזמן האָבן געפירט אַז גאָר הייליגע יסודות אין ענין פון "קאָפּ צודעק" זענען געווען געבראָכן, עס האט זיך דערשפירט אַז די גאַנצע עתיד און האָראָוואַניע צו וואַקסן אויפן ערליכן וועג המקובל לנו איז אין אַ סכנה, דורך די פריצת חומות הקדושה והטהרה.

עס זענען אנגעקומען שרעקליכע שמועות וויאזוי דער מצב אין "קאָפּ צודעק" קוקט אויס ביי די אינגווארג; די גדרים פון די וואס גייען אין א שייטל און דער צודעק זענען געוואָרן שטאַרק געבראָכן, פון אַ איידל צוגעדעקט שייטל - וואָס איז אַמאָל געווען קורץ און צוגעדעקט פון אויער צו אויער - איז ביי מאַנכע געוואָרן אַ פולער לאַנגע שייטל מיט אַ קליין צודעק דערויף, און פון אַ קורץ אויפגעדעקט שייטל, האָט זיך אַריינגעכאַפט לענגערע צולאָזטע שייטלען, מיט סטיילס און מאָדע'ס וואָס איז קעגן דת תורתינו הקדושה און די הייליגע מסורה.

עס איז אָנגעקומען אַ מצב וואָס די ראשי העדה האבן געשפיריט אז מ'מוז אויפטרייסלען דעם דעת הקהל אויפן שטאַרקסטן פאַרנעם, עס מוז דערהערט ווערן דער חומר הדברים בקול רעש גדול, ווי הארבע יסודות בגדרי הצניעות ווערן געבראָכן און געשענדעט אויף אַ שרעקליכן פאַרנעם, און עס ליגט אַן אחריות אַוועקצושטעלן קראַנטע תקנות, אָפּצוראַטעווען דעם עתיד הדורות.

דעריבער האָט דער נשיא המוסדות, כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, באַאויפטראַגט די הנהלת המוסדות צו אַרגאַנזשירן אַ גרויסע אסיפה "שמירה לדורות", וואו עס איז זאל במעמד קהל רב פון אַלע הורי התלמידים והתלמידות הקטנים עם הגדולים, ווערן אוועקגעשטעלט "תקנות המוסדות", וואס זאלן אוועקשטעלן די שמירה מעולה פאר די קומענדיגע דורות, מיט ערליכע הייליגע הייזער.

כדי צו געבן דעם תוקף און ערנסקייט פאר דעם מעמד, האט הגה"צ דער רב שליט"א געפאדערט פון די הנהלת המוסדות ארויסצוקומען צום גאנצן ברייטן ציבור, סיי די טויזנטער טאַטעס פון אינגלעך און מיידלעך, פון אַלע יאָרגענג, סיי די "אור-עלטערן", זיידעס, אנשים מכובדים, חברי "אהבת קדומים" החשובים, וועלכע האבן שוין נישט אייגענע קינדער אין די מוסדות, און סיי די "אברכים צעירים", די איגנע אינגעלייט פון גלייך נאָך די חתונה, די צוקונפטיגע טאַטעס פון תלמידי המוסדות, אז אלע זאלן דערהערן דעם חובת השעה, "קדושים תהיו בהקהל נאמרה".

צוליב דעם חומר הענין, און כדי די נשים אין שטוב זאלן אויך קענען הערן די יסודות'דיגע ווערטער וואס איז נוגע צו זיי, האט די הנהלת המוסדות צוגעשטעלט א "הוק-אפ" מיט טויזנטער ליניע'ס, וואו אלע חשובע פרויען תחי' האבן מיטגעהאַלטן די שטורמישע דרשות, פארן אייגענעם וואוילזיין און עתיד הדורות, צו פונדאַמענטירן די ריכטיגע שמירה אין שטוב.

דער גאנצער "עידן פעלעס" זאל איז געווארן איבערגעפילט מיט שווערע טויזנטער באטייליגטע, פון א ריזן מאסן פון אלע שיכטן פונעם ציבור, הונדערטער אנשים זקנים באים בימים, חשובים ומכובדים, חברי "אהבת קדומים", זקני הציבור, און אזוי אראפ הונדערטער שורות פאר אלפי בעלי בתים ואברכים יקרים, הורי תלמידים ותלמידות, און "אברכים צעירים", די צוקונפטיגע עלטערן פון תלמידי המוסדות, ווען אלע קומען מיט איין ציל, צו הערן דעם דבר ה' און "תקנות לדורות", עליהם ועל זרעם, מיד ולדורות.

א לאַנגע טאָפּעלטער "בימת הכבוד" האט זיך געצויגן פון איין עק זאל ביז די אנדערע, און איז געווען באַשיינט ווערן מיט הופעתם כבוד פון הרבנים הגאוה"צ, דייני דבבא ודייני דמתא בק"ק סאַטמאַר שליט"א, רמ"י ומנהלי הישיבות, מרביצי תורה ויראה וחסידות, בראשות הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א, ועל צבאם דער נשיא העדה כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

שְׁלֹמֹה שְׁמוֹ וּשְׁלֵמָה מִשְׁנָתוֹ:

הגאון רבי שלמה שבתי קעסטנבוים שליט"א

אנגעהויבן די שורות הדרשנים האט דער באַרימטער ת"ח הגאון רבי שלמה שבתי יהודה קעסטנבוים שליט"א באקאנט אלס מגיד מישרים באמרי נועם, בקי נפלא ופה מפיק מרגליות ולהבות, מרביץ תורה והוראה בק"ק סאטמאר רבות בשנים, ומרבני חבורת "תורתך שעשועי".

הג"ר שלמה שבתי שליט"א האט אָנגעפירט דעם סדר המעמד מיט קלאָרע און היסטאָרישע-שטריכן, ארויסגעהויבן די יסודות ונימוקי הלכה און דעות גדולי הפוסקים לאורך הדורות איבער גילוח שערות און קאפ צודעקן ביי נשים, און בדברי פי חכם חן געפירט געשפּאַנט די גאנצע אסיפה בלשון צח.

כִּי מַקְדִּישֶׁיךָ בִּקְדֻשָּׁתְךָ קִדַּשְׁתָּ:

סאַטמאַר ווילּיאַמסבורג דינט אלס קרוין פון גאנץ סאטמאר אלס נחשונים צו אוועקשטעלן פעסטע "תקנות לדורות" לשמירת גדרי הצניעות

• מֵהֶם יִלְמְדוּ וְכֵן יַעֲשׂוּ •

כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ברענגט ארויס התפעלות אין צענטראלע דרשת הילולא כ"ו אב איבער פעסטע תקנות פון מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג, וואס וועט נאכפאלגן אין אנדערע מקומות

• לְמַעַן יִלְמְדוּ וְיָרְאוּ אֶת ה' •

טויזנטער קונטרסים "הדרשה לדורות" ארומגעשיקט בפקודת הקודש פאר אלע אנשי שלומינו מיט דרשה בעניני צניעות פון רביה"ק זי"ע, שב"ק שופטים שנת תשכ"ה, לאזט איבער הייליגער רושם

טויזנטער קונטרסים "הדרשה לדורות" ארומגעשיקט בפקודת הקודש פאר אלע אנשי שלומינו מיט דרשה בעניני צניעות פון רביה"ק זי"ע, שב"ק שופטים שנת תשכ"ה, לאזט איבער הייליגער רושם.

דער שפּאַנענדע פלאקער וואס האט איינגעהילט טויזנטער הורי תלמידי המוסדות אין וויליאמסבורג ביי די הייליגע אסיפה "שמירה לדורות" פארלאפענעם ג' שלח, וואס האט נאכגעפאלגט מיט קראַנטע און פעסטע "תקנות לדורות", איז

נאך א קורצע אריינפיר איבער דעם חומר הענין פון גילוח שערות, וואס איז פון די חמורות שבחמורות, האט ער שפעטער ממשיך געווען איבערצוגיין אין קורצן די יסודות בהלכה פון "קאפ צודעק" בכלל, וואס איז מדיני דגמרא, די גדרים פון "דת יהודית", צו דערקענען אויף אַ פאַרהייראַטע פרוי אַז זי איז נישט אַ מיידל, און ווי די גדולי הפוסקים האבן מחמיר געווען אז דער קאָפּ-צודעק זאל חלילה נישט אויסקוקן ווי עכטע האָר.

פון דארט איז ער אריבער בפרטיות איבער דעם חשיבות פון גיין אין "זיידן", וואס איז די חשוב'סטע דרגא אין כיסוי ראש, ווי רבינו הק' זי"ע האָט געשטרעבט און פאַרלאַנגט לפי פסקו פון הייליגן דברי חיים זי"ע, און אפילו די וועלכע גייען נישט מיט זיידן, איז דער צניעות'דיגסטער וועג צו גיין אויף אן אויפן וואו מ'זעט די שייטל בלויז הערכער די שטערן, און די גאַנצע איבריגע איז פאַרדעקט ביז אונטן.

דער עיקר האט ער אויסגעשמועסט, אין מקורות ההלכה, אז יעדע שייטל מוז זיין קענטיג אַז דאָס איז אַ שייטל און נישט אייגענע האָר, און סיי די לענג און סיי די סטייל דאַרף זיין אויף אַ וועג וואָס מ'זעט קלאָר אַז דאָס איז נישט אייגענע האָר, וואס דעריבער איז דער מהלך להלכה אז די צודעק זאָל זיך קלאָר דערקענען פון פאָרנט, רוב שייטל זאָל זיין צוגעדעקט, און דער לענג נישט אנקומען ווייטער ווי דער מקום השערות.

יְחֶזְקֵא"ל לְמוֹפֵת:

הגאון רבי יחזקאל שרגא ווייס שליט"א

א מאמענט פון התבוננות הנפש איז געווען ביי די דורכדרינגליכע דרשה פון דעם באַרימטן מגיד ומרביץ תורה, וועלכער איז משובב נתיבות בלבות אלפי מקשיביו בדברי השכל ודעת לידע חובת אדם בעולמו, הרב הגאון בעל השקפה בהירה רבי יחזקאל שרגא ווייס שליט"א ר"מ בישיבת דרך התורה ד'סאטמאר.

א לענגערע שעה האט הג"ר יחזקאל שליט"א געשטורעמט די הערצער פון די טויזנטער באטייליגטע מיט זיין אש-להבה'דיגע שפראך, איבער דעם חומר המצב והתקופה, דאס אחריות וואס ליגט אויף יעדן טאטן צו היטן די מויערן פון זיין שטוב, צו זיין וואך צום חינוך פון די קינדער, און נאך יסודות'דיגע דברים קילורין לעינים איבער דעם מציאות וואָס האָט געברענגט צו טרייסלען דעם דעת הקהל אויף אַזאַ מאַסיווער פאַרנעם.

די דרשה פון הג"ר יחזקאל שליט"א, וואס איז געווען איין קייט פון יסודות איתנים איבער דעם עצם אחריות פון א טאטן אין שטוב בחינוך צאצאיו, שטיין על המשמר און זיך נישט באגנוגן מיט דעם חינוך פונעם מוסד, און דער איינציגער גאראנטי וואס ליגט אין די הענט פון די עלטערן צו קענען ווייטער מגדל זיין הייליגע דורות בדרכי התורה המקובלת, דורך צוהערן און אויספאלגן די תקנות און הוראות וואס מ'וועט הערן פון די ראשי העדה שליט"א.

מַשָּׂא דְּבַר הַשֵּׁם:

הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א

ביים אויפרופען צו די צענטראלע דרשה הגאון הצדיק אבד"ק ור"מ שליט"א, האט הג"ר שלמה שבתי שליט"א ארויסגעהויבן די כוחות עצומות וואס דער רב שליט"א האט משקיע געווען לקראת די גרויסע אסיפה, מיט לענגערע שעות און מערערע אסיפות בכובד ראש מיט די ועד החינוך וראשי הציבור הרוחניים, צו פאַרזיכערן א קראַנטע עתיד פאַר די "תקנות הדורות" וואס וועט פראקלאמירט ווערן ביי די אסיפה.

דער רב שליט"א האט אנגעהויבן זיינע ווערטער מיט דברי שבח אויף די פעולות טובות אין חינוך וואס ווערט אריינגעלייגט אין די קינדער, סיי אין ת"ת, בית רחל און ישיבות קטנות, אבער פון די אנדערע זייט דארף מען צולייגן שימת לב צום שרעקליכן מצב וואס מ'האט זיך דערלעבט אין די לעצטע תקופה.

דער רב שליט"א האט צוערשט אויסגעשמועסט דאס אחריות פון טאטע'ס און זיידעס צו שטיין על המשמר אלס "שותפים" אין די מלאכת הקודש פון חינוך, אפילו פאר ערליכע שטובער וואו דער מצב הצניעות איז אמבעסטן. "דער מצב פון די ירידות אין צניעות איז אין די לעצטע פאר יאר געגאנגען מטה מטה, אז ס'איז נוגע פאר אונז אלע! אפילו פאר די וואס קענען זאגן אז ביי זיי אין שטוב איז עס נישט נוגע, אבער אויב קומט דאס פאר דא אין די שטאט, איז א סימן אז מיר אלע האבן עפעס א פגם אין דעם, עפעס איז דאס אונז נוגע, מ'וויל פון אונז עפעס, און אונז דארף מיר זיך אלע פארבעסערן."

דורכאויס די דרשה האט דער רב שליט"א איבערגעשמועסט עטליכע יסודות אין חינוך בכלליות, סיי אז די עלטערן זאלן מחשיב זיין און שעצן די "תקנות המוסדות", דעם ענין פון "טעלעפאונען פאר בחורים" וואס איז שטארקע סכנה, וואו בחורים הערן זיך אן מיט נארישע פוסטע "האטליינס", און צולעצט די שרעקליכע סכנה פון "עי איי", און דער פראבלעם וואס בחורים דרייען זיך מיט גרויס געלט.

רעדנדיג פון די עיקר יסוד אין צניעות, האט דער רב שליט"א נאכגעזאגט גאר א שטארקן יסוד פון ספר ברכת אברהם אויפן פסוק אין שיר השירים, 'סוגה בשושנים'. ס'איז דא א גדר פון קוצים, וואס קיינער גייט נישט צו צו דעם גדר, ווייל מ'קען זיך שעדיגן. אבער ס'איז אמאל א גדר געמאכט פון רויזן, און דאס וועט מען אויך נישט באטאפן כדי ס'זאל נישט קאליע גיין.

"ווען אידן האבן גדרים וסייגים, זיי קוקן נישט אן די גדרים וסייגים ווי קוצים; מ'וועט מיך קנס'ענען, מ'וועט מיך ארויסווארפן, נישט ווענן דעם מאכט מען א גדר. דער גדר איז: שושנים, טייערע רויזן, דא איז דא טייערע נשמות! דא איז דא דורי דורות! מ'דארף אכטונג געבן אויף די רויזן אז ס'זאל בלייבן גלאנציג און שיין, ווענן דעם מאכט מען גדרים!"

האט דער רב שליט"א אויסגעפירט: "יוסף הצדיק אין מצרים האט געוואוסט, ווי לאנג ער האט נישט געהאט קיין קינדער, האט אים געהאלטן די גאנצע צייט

אז ער געקוקט וואס וועט מיין טאטע זאגן אויף מיר? וויאזוי וועט מיך מיין טאטע אנקוקן? דאס האט אים געהאלטן! אבער ווען ער האט שוין געהאט א קינד האט יוסף הצדיק א נאמען געגעבן מנשה, "כי נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי", איך דארף שוין נישט געדענקן און טראכטן וואס מיין טאטע וועט זאגן, יעצט האב איך שוין א אנדערע חיוב, וואס וועט מיין קינד זאגן? וויאזוי וועל איך מחנך זיין מיין קינד? ווי אזוי וועט מיין קינד אויסקוקן דא אין מצרים, אויב וועל איך זיי נישט ריכטיג מגדל זיין?!".

דער רב שליט"א האט געשילדערט פארן ציבור די דרשה וואס ער האט געזאגט א קורצע צייט צוריק פאר די נשים צדקניות, וואו ער האט פארעגלייגט צו צאלן א סכום פאר די הוצאות פון די וואס וועלן זיך לאזן שניידן די שייטלען, און ווי א גרויסער ציבור האט דאס ערפילט. אבער "למעשה איז אבער דער אפרוף געווען, אז די נשים האבן גוט פארשטאנען, זיי בעטן אבער זיך אז מ'זאל רעדן צו די מענער, די נשים זאגן קלאר, ס'איז דא מענער וואס פארלאנגען שינויים אינעם חלק פון צניעות, אין חלק פון לבוש, דאס איז זייער א ווייטאגליכע זאך!.

דא איז דער רב שליט"א איבערגעגאנגען די יסודות החיוב פון זיך שערן די האר נאך די חתונה, און די אופנים פון שייטלעך, צודעקן די שייטלעך, וואס דער מצב איז לעצטענס שטארק נתדרדר געווארן, וואס אפילו די פוסקים וואס האבן מקיל געווען צו גיין מיט א "פיאה נכרית", איז דאס בכלל נישט געווען דומה צו די היינטיגע שייטלען. "ס'איז לא קרב זה אל זה אינגאנצן! ס'איז אינגאנצן נישט דאס מין שייטל וואס מ'האט גערעדט אמאל! ס'איז כרחוק מזרח ממערב!"

גאר שטארק האט דער רב שליט"א ארויסגעברענגט, אז אפילו די וואס גייען יא מיט צוגעדעקטע שייטלען, אדער אפענע שייטלען מיט א מאס, זאל מען חלילה נישט מקיל זיין בעידן חדותא, אין צייט פון א חתונה, וואס איז די הייליגסטע צייט ווען מ'קוקט ארויס אויף רחמי שמים להמשכת הדורות. "אין אזא צייט דארף מען דאך מוסיף זיין, בעסער זיין, נישט חלילה נאכלאזן."

א שטארקן רושם האט געמאכט ווען דער רב שליט"א האט בארירט דעם הארבן ענין פון נאכלאזן אין אנגענומענע גדרי צניעות אין לבוש, וואס "טשעפען א לבוש איז א גרויסע סכנה", וואס דעריבער דארף מען שטארק זיין געווארנט, חלילה נישט צו טוישן דעם קאפ צודעק אויף שוואכער, נאר זיך האלטן צו די מסורה, נישט נתפעל ווערן פון שכינים און קרובים.

דא איז דער רב שליט"א געקומען צום שפיץ פון די דרשה, צו שטעלן די "תקנות לדורות", איבער די לענג פון די שייטלען, "אז א אשה וואס גייט מיט נישט קיין אויסגעהאלטענע שייטל, קען נישט שיקן די קינדער אין אונזערע מוסדות! און מ'גייט דאס זייער שטארק פארסירן."

דער רב שליט"א האט אויסגעפירט: "מ'האט אפגעשמועסט מיט די הנהלת המוסדות, מיט'ן טאטן זאל זיין געזונט: "יהי' מי שיהי', וועט נישט קענען קומען אין אונזערע מוסדות, א פרוי וואס גייט מיט א גע'אסור'טע שייטל!" מ'גייט זיך אי"ה האלטן צו דעם, סיי אין תלמוד תורה, סיי אין בית רחל, און סיי אין די ישיבה קטנות."

מיט דעם האט דער רב שליט"א פארענדיגט מיט הארציגע ווערטער: "למען השם ולמען הרחמים, מ'האט אונז געגעבן א פקדון, יעדער איינער וואונטשט זיך "ויהיו זרעי וזרע זרעי תלמידי חכמים וחסידים", מ'זאל האבן א ערליכע שטוב בצניעות, בדרכי אבות, ערליכע בחורים, ערליכע אידישע טעכטער, לאמיר אפהיטן אונזער הייליגע פקדון! זיי זאלן זיך פירן אזוי ווי אונזערע רבי'ס און אונזערע זיידעס האבן געוואלט".

די גאנצע דרשה פון רב שליט"א איז געווען איין לאנגע קייט פון השכל ודעת, געפלאכטן מיט יסודות נחוצות וויאַזוי עס דאַרף זיך פירן "אַ סאַטמאַרער שטוב" בדרכי הצניעות והקדושה שסלל רבינו הקדוש זי"ע, מיט גאר יסודות'דיגע הוראות מיד ולדורות!

געווארן ארויסגעהויבן לשבח ולתהלה דורך כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ביי די צענטראלע דרשת ביומא דהילולא פון רביה"ק זי"ע, כ"ו אב, אין בית המדרש הגדול קרית יואל יצ"ו, און א אויפפאדערונג אז דאס זאל נאכפאלגן אין אנדערע מקומות.

נאך לענגערע דברי תורה און פעולות צדיק לחיים פון רביה"ק זי"ע, האט דער רבי שליט"א זיך אפגעשטעלט אויף דעם געוואלדיגן שינוי לטובה וואס מ'זעט אין געביט פון צניעות אין קאפ צודעק, וואס האט אויפגעפלאקערט בקרב מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג, און אויפגעפאדערט פון אלע עלטערן זיך צוצושטעלן צו די תקנות.

דער רבי שליט"א האט דערמאנט זכרונות ימי קדם:

"איך געדענק מיט 61 יאר צוריק, פרשת שופטים תשכ"ה, האט דער פעטער ז"ל זיך אויפגעשטעלט פארן ליינען, און געזאגט א שארפע דרשה. האט ער דעמאלטס געזאגט א דרשה קעגן די מאדע'ס אין מלבושי נשים, דעמאלסט איז מען געגאנגען קורץ. און ער האט דעמאלטס מעורר געווען קעגן די פירצות פון שייטלען, ער האט דאס אנגערופען "גג-על-גג שייטלען", און אויך איבער דורכזיכטיגע זאקן. די דרשה איז געדריקט אין די נייע דברי יואל (מהדורא תנינא) פרשת שופטים (עמוד קלב).

אויך איז געדריקט די דרשות, ווי באקאנט, די פייערדיגע דרשות וואס ער האט געזאגט יום כיפור ביינאכט קעגן 'ביי האר', ווי עס איז ידוע פאר יעדן איינעם.

מנהמת לבו הטהור האט דער רבי שליט"א אויסגעשריגן: **די הייליגע ווערטער איז געזאגט געווארן בשעתו, אבער נישט נאר בשעתו, נאר אויך לזמנינו, צו אונזער דור אין תשפ"ו.**

דא האט דער רבי שליט"א ממשיך געווען מיט דברים כדרבנות איבער דעם שרעקליכן מצב: "עס טוט זייער וויי צו

תקנה לדורות:

כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

מיט א הייליגע פארכט האט דער ציבור מקבל געווען פני קדשו פונעם נשיא המוסדות, דער רבי שליט"א, וועלכער איז ערשינען אינמיטן די דרשה פון רב שליט"א, און באלד נאך די דרשה האט דער רבי שליט"א אויפגעטרעטן מיט א דרשה נלהבה איבער דעם "חובת השעה והתקופה", למען שמירת דורותינו בדרכי רבותינו.

דער רבי שליט"א האט פארטייטשט דעם פסוק אין די פרשה "והיה באכלכם מלחם הארץ תרימו תרומה לה'". לחם איז אַ כינוי אויף אַ פרוי, "תרומה" איז מלשון הפרשה. אז איד אידישע שטוב נאך די חתונה דארף לעבן מיט אַן אָפּשיידונג פון די דרכי אומות העולם, און אפילו פון אידן, און פון אַזוי גערופענע חסיד'ישע אידן.

דער רבי שליט"א האט דערמאנט, אז דער יסוד היסודות איבער וואס רבינו הק' זי"ע האט אוועקגעשטעלטביים ציבור תלמידי וחסידיו, "צו לייגן דעם דגוש אויף "צניעות" און אויף "קדושה", און נישט אויף אַנדערע זאַכן!"

דער רבי שליט"א האט דערמאנט ווי אין די הייליגסטע מאָמענטן פון יאָר האט דער רבי זי"ע גערעדט צו די נשים וועגן עניני צניעות, גדרי הקדושה. דער רבי שליט"א האט דערמאנט א מליצה וואס ער האט זוכה געווען צו הערן מפה קדשו אין א כל נדרי דרשה, ווען דער רבי האָט גערעדט וועגן שייטלען, אויפן לשון חז"ל (יבמות כא.) "קשה עונשן של מדות", האט דער רבי זי"ע געזאגט "עונשן של מאָדע'ס".

מיט ווייטאג האט דער רבי שליט"א אויסגעפירט: "פרעג איך אַ קשיא: ווי קענען תלמידים, תלמידי תלמידיו, די וואָס רופן זיך חסידים, מקיל זיין אין אַזעלכע האַקעלע ענינים?!

דא האט דער רבי שליט"א זיך באצויגן אז וויבאלד מ'וואוינט מיט אנדערע מענטשן אין שטאט, מאכט זיך צומאל וואס מ'הערט פרעגן אויף געוויסע יסודות אין צניעות, "וואו שטייט?". האט דער רבי שליט"א דערציילט די מעשה, ווען אַ גדול בישראל האט אמאל געפרעגט פון הייליגן דברי חיים זי"ע איבער אַן ענין בהלכה, "וואו שטייט?". האָט דער צאנזער רב זי"ע געענטפערט: "ס'שטייט אין מיר, און איך בין די תורה"!

מיט א הייליגן ציטער האט דער רבי שליט"א אויפגעהויבן די הענט בקול שאגת ארי וזעקת קודש: "די זעלבע וויל איך זאָגן פאַר יעדן איינציגן איד: ס'שטייט אין פעטער זכרונו לברכה, און ער איז די תורה! מ'טאָר נישט פרעגן אַזאַ שאלה "וואו ס'שטייט!"

מיט דעם איז דער רבי שליט"א אריבער צום יסוד פון מסורת אבות. "אידישקייט האָט אַ מסורה! "יש אם למסורת". ס'איז דאָ אַ מסורה וויאַזוי אַ מאַמע דאַרף זיך פירן, און זיין געקליידעט!"

דער רבי שליט"א האט געשילדערט ווי אידן קומען אריין זיך אויסוויינען איבער דעם מצב הצניעות פון פארהייראטע קינדער. און אויסגעפירט: "מ'זאָל קוקן ווי אַזוי די זיידעס און די באַבעס גייען. [לעומת זה] די צווייטע דור און די דריטע דור, איז אַ מורא'דיגע ירידה. און אויב וועט עס ווייטער אַזוי גיין, וואו וועט מען אָנקומען?! וואו האַלט מען "שוין"?"

מיט א דרייסט קול האט דער רבי שליט"א ארויסגעהויבן זיך צו שפּירן שטאָלץ און געהויבן מיט שמירת גדרי הצניעות, און מעורר געווען איבער דאס שיקן בחורים לערנען אין פרעמדע ישיבות און קיין א"י וואו מ'וואקסט אויף מיט פרעמדע השקפות, וואס לאזט שווערע נאכפאלגן אויף שפעטער.

דא איז דער רבי שליט"א צוגעקומען צום עיקר תכלית פון די אסיפה, לגדור גדר ולעמוד בפרץ בעניני כיסוי ראש. דער רבי שליט"א האט דערמאנט די פייערדיגע דרשה פון בנו דער רב שליט"א, און אויסגעפירט: "איך בין מחזק זיינע ווערטער, און איך זאָג צום ציבור, צו יעדן יחיד, "דיך מיינט מען", דו דאַרפסט זען דיין שטוב זאָל זיך פירן אַזוי ווי ס'דאַרף צו זיין. מ'דאַרף זיין גודר גדר ועומד בפרץ דאָ אין וויליאַמסבורג, מאַכן שטאַרקע גדרים וסייגים, פעסטע גדרים, מיר גייען זיך נישט לאָזן אַראָפּשלעפּן אין עניני צניעות! פּונקט פאַרקערט, מ'דאַרף הייבן, אַרויפגיין, מיר גייען שטייגן אין צניעות!"

מיט דעם האט דער רבי שליט"א אויפגעפאדערט אלע עלטערן זאָלן זיך צושטעלן צו די "תקנות" פון די מוסדות. "עס ווערט אויפגעפאָדערט די "הנהלת המוסדות", זאָלן שטיין אויף די וואַך און אַכטונג געבן אַז מ'זאָל איינהאַלטן די אַלע תקנות, במלוא מובן המילה."

דער רבי שליט"א האט מיט דעם מסיים געווען מיט ברכת הקודש לכל הקהל, "אַז מיר וועלן טוהן וואָס איז בידינו, בעזרת ה' נצליח, צו הייבן דעם כח הקדושה והצניעות, ובזכות נשים צדקניות וועלן אידן אַרויסגיין פון דעם לאַנגן ביטערן גלות בב"א".

אין רושם פון די פייערדיגע אסיפה, האט נאכגעפאלגט א פלאמעדיגער זומער, ווען די עלטערן האבן כאיש אחד ובקבלה אחת לפני המקום, צוריקגעשיקט די "ראשי אפליקאציע" צו באשטעטיגן די תקנות פון "קאפ צודעק", וחפץ ה' בידינו הצליח, צו קענען ארויפברענגען די דרגא פון צניעות אויף די העכסטע שטאפלען, און מיט אט דעם געוואלדיגן זכות אריינטרעטן אינעם נייעם יאר, מיט פרישע גדרים וסייגים בשמירת גדרי הצניעות והקדושה.

עס איז זיכער אז אין דעם זכות פון מוסיף זיין מיט גדרים וסייגים בשמירת גדרי הצניעות והקדושה, וועלן מיר זוכה זיין צו א שמירה מעולה מן השמים, מיט ערליכע דורות בדרכי התורה והקדושה, אויפן הייליגן דרך פון רבינו הק' והטהור זי"ע, און קענען ווייטער מרומם זיין דעם קרן הצניעות דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א עד ביאת הגואל.

זאגן, דער יצה"ר רוהט נישט, און זייער אסאך גייען נאך די פיתויי היצר מיט לאנגע פריצות'דיגע שייטלען, און אפילו מיט ביי האר, רחמנא ליצלן. מיר טארן נישט שווייגן! **מיר קענען נישט שווייגן! און מיר וועלן נישט שווייגן! מיר זענען מחוייב צו מאכן גדרים און סייגים פאר תורה און פאר צניעות.**

"איך רעד יעצט צו די עלטערן פון תלמידי מוסדותינו אין וויליאמסבורג. אין וויליאמסבורג האט מען געמאכט א גרויסע תקנה, תקנה גדולה שנו כאן: ווער עס וויל אריינשיקן זיינע קינדער אין אונזערע מוסדות אין וויליאמסבורג, אפילו די וואס לערנען שוין ביז היינט אין מוסד, מוזן זיך די עלטערן צושטעלן צו די תקנת הקהל, וויאזוי מען זאל גיין אנגעטוהן אין עניני צניעות. **דארף מען זעהן לשמור ולקיים די אלע תקנות המוסדות וואס איז נוגע צו צניעות פונעם שטוב.**

די מוסדות האבן שוין מפרסם געווען די אלע תקנות, און איך האף אז דער גאנצער ציבור וועט מקבל זיין די אלע תקנות, לרומם קרן הצניעות והקדושה אין אונזער קהלה, אזויוי ס'איז געווען דער רצון פון פעטער ז"ל בחיים חיותו.

דא האט דער רבי שליט"א געבעטן אז די הנהלת המוסדות זאל דריקן און מפרסם זיין די דרשה וואס דער רבי שליט"א האט דערמאנט בראש דבריו: "איך וויל בעטן די וויליאמסבורגער קהלה, זאלן איבערדריקן די דרשה וואס מ'האט יעצט דערמאנט, פון פרשת שופטים תשכ"ה, ווייל עס איז שטארק נוגע יעצט פאר דעם."

פִּי מֶלֶךְ שְׁמוֹר: באלד נאָך די הכרזת הקודש, האט די הנהלת המוסדות געלאָזט דרוקן טויזנטער עקזעמפלאַרן פון דעם קונטרס דברות קודש לתועלת אנשי שלומינו, און דאס מפרסם געווען און ארומגעשיקט צו די היימען פון טויזנטער אנשי שלומינו און הורי תלמידי המוסדות, וואס האט געלאזט א געוואלדיגן רושם זיך צו פארבעסערן בעניני לבוש ובגדי צניעות.

קידשה לשעתה וקידשה לעתיד.

בָּנַי הֵם אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים - בֶּן חָמֵשׁ לַמִּקְרָא:

ערשטמאָליגער התרגשות'דיגער מעמד ה"חוּמש סעודה" פאר תלמידי כיתה א' אין מוסדותינו הקדושים

בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

"ויקרא - און ער האָט גערופן", "אל משה - צו משה".... די זיסע קולות פון די טייערע קינדערלעך, די צאן קדשים, האבן זיך געהערט ביים התרגשות'דיגן חומש סעודה וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן אויף אַן ערשטמאָליגן און גרויסאַרטיגן פאַרנעם, כראוי וכיאות לכבוד די הייליגע ריינע תורה פון תינוקות של בית רבן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייערע ערשטע טריט צו לערנען די הייליגע תורה.

דער "חומש סעודה" וואס איז פארגעקומען ביום א' קרח, אין די גרויסע זאלן פון "גינת אסתר", איז געווען אַ מעמד מרוגש, און אַ פּאַסיגע הכנה פאר די טייערע קינדער צו אַריינטרעטן אין לימוד התורה, וואָס מען האפט אַז עס וועט זיי ווייטער באַגלייטן אויף די קומענדיגע יאָרן.

די הכנות צום מעמד האָבן זיך אָנגעהויבן ווען אויף די אינציאטיוו פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א האָבן די מנהלים פון די סניפי כיתה א', הר"ר חיים ראובן שעהנברוין שליט"א און הר"ר מרדכי ארי' שפּיצער שליט"א, אינאיינעם מיט זייערע סגני מנהלים שליט"א, האבן זיך אַריינגעלייגט שטארקע כוחות אהערצושטעלן די חומש סעודה אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. מען האָט געלערנט די ניגונים, גע'חזר'ט די פסוקים, און צוגעגרייט די קינדער צום סדר המעמד.

ווי די מנהלים דערציילן, האָט מען לכתחילה געוואָלט מאַכן "קרוינען" פאַר די קינדער ווי דער געוועגליכער סדר אין תלמודי תורה איבער די וועלט, אָבער כפי הוראתו פונעם רב שליט"א צו האלטן דעם מעמד געהויבן און נישט היינטיג, האט מען דאס אַראָפּגענומען.

אַריינקומענדיג צום חומש סעודה האָט זיך אַנטפּלעקט אַ מחזה הוד פון די פאַרענטשעס וואו די קינדער זענען געזעצן, אויסגעשטעלט לענגאויס איין זייט פונעם זאַל, אָנגעפילט מיט אַזויפיל הונדערטער קינדער בליעה"ר, אַלע תלמידים פון כיתה א', זיצן מיט שבת'דיגע ווייסע העמדער, גרייט צו זייער שמחה אָנצוהייבן לערנען חומש.

צום התחלת המעמד, ווען כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א איז אַריינגעקומען, האָבן די קינדער געזינגען ניגונים פון תורה, ביז ווען דער רבי שליט"א איז אָנגעקומען צו זיין פּלאַץ. דאַן האָבן אויפגעטרעטן די מנהלים פון כיתה א', וואָס האָבן גערעדט צו די קינדערלעך אין זייער שפּראַך, איבער די גרויסקייט פון דעם מאָמענט ווען מען טרעט אַריין אינעם "עולם התורה", ווען מען הייבט אָן לערנען די הייליגע ווערטער פון תורה שבכתב, און וואָס עס מיינט פאַר זיי אויף זייער גאַנצע לעבן.

דאן האט מען געהערט וואַרעמע ווערטער פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, וועלכער האָט מאריך געווען איבער די חשיבות פון די תורה פון תינוקות של בית רבן, וואָס איז תורה בטהרה, און די גרויסקייט פונעם זמן ווען מען הייבט אָן צום ערשטן מאָל לערנען די הייליגע ווערטער וואָס משה רבינו האָט מקבל געווען מפי הגבורה.

דערנאָך האָבן די קינדער געזאָגט דעם "תנו רבנן" און דורכגעגאַנגען די ערשטע פסוקים פון פרשת ויקרא, ווי עס איז מקובל מדור דור דער "יבואו טהורים ויתעסקו טהורים", און מען האָט אָפּגעהאַלטן דעם "שמועס" צווישן די קינדער,

וואָס האָט אַרויסגעברענגט דמעות של שמחה ביי אַלע אוועזנדע.

דאן האָט דער רבי שליט"א געטרונקען לחיים און געטיילט שיריים און ברכת קדשו פאר די מנהלים און מלמדים שליט"א. דער רבי שליט"א האָט געזאָגט פאַר די קינדער וואָספאַראַ געהויבענער זמן עס איז פאר זיי, און אָנגעווינטשן ברכת קדשו אַז זיי זאָלן שטייגן בתורה ויראת שמים און אויסוואַקסן גרויסע תלמידי חכמים.

עס איז געווען אַ מינוט פון רגש ווען די קינדער זענען אַריבער כבני מרון און האָט באַקומען מידי קדשו פונעם רבי'ן שליט"א אַ תהלים, אַלס מתנה לזכרון פון דעם מעמד. ווען מען האָט געענדיגט האָבן די קינדער געזינגען אינאיינעם ניגוני תורה אַרויסצובאַגלייטן רבינו שליט"א. די קינדער זענען דערנאָך אַהיימגעגאַנגען מיט פולע באַגאַזשן פון חשק און געשמאַק צו לערנען די הייליגע תורה.

כאָטש די עלטערן זענען נישט געווען געלאַדנט מחוסר המקום, האָט מען אָבער צוריקגעהערט גאָר גוטע גרוסן, פון טאַטעס און אפילו פון זיידעס, וואָס האָבן זיך באַדאַנקט אויף דעם אַז מען האָט עס געמאַכט, און אַז זיי האָבן עס דערקענט אויף זייערע טייערע קינדער אויף זייער חשק און לעבהאַפט צו לימוד התורה. דער מעמד נרגש האָט זיכער אַריינגעבלאָזן הויפענעס חשק און התעוררות פאר די קינדערליך אויפן גאַנצן לעבן, ללמוד וללמד, לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתיך באהבה.

ונהי' אנחנו וצאצאינו כולנו יודע שמך ולומדי תורתך לשמה.

חידושים און הויכפונקטן

דורכאויס פאַרלאָפענעם יאָר:

שנת תשפ"ו לפ"ק

צום שלוס פונעם יאר תשפ"ו, הערן מיר פון די מנהלים שליט"א אין אלע אפטיילונגען, א קורצע "נאטיצן און הויכפונקטן" סעריע צווישן די ווענט פון חדר און בית רחל, צו געבן פאר די עלטערן א בליק אריין אונטער די קוליסן פונעם חינוך נעץ אין אונזערע הייליגע מוסדות.

בנוהג שבעולם, ביי יעדע געשעפט צווישן צוויי שותפים, זעצט מען זיך יעדע שטיק צייט צו מאכן אַן איבערזיכט, צו זען וואו מען האַלט ערגעץ אויף דער וועלט; מען כאַפּט אַ בליק צי מען גייט באַרג-אַרויף אָדער צום פאַרקערטן ריכטונג. ביי אונז, אין די הייליגע מוסדות, המפורסמות אינן צריכין ראי'; די גאָלדענע פּירות וואָס קומען אַרויס יאָר-יערליך ווייזן שוין אַלץ, און די עלטערן וואָס זעען עס פונדערנאָנט און שעפּן די הויפענעס אידיש נחת, זעען עס מיט די אייגענע אויגן.

פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך צוזאַמגענומען, און צוזאַמגעשטעלט אַ קורצן באַריכט פון די מנהלים שליט"א, יעדער איינער פון זיין סניף, וואו מיר וועלן גאָר אין קורצן אַדורכגיין די חידושים וואָס זענען געווען אין יעדן אָפּטיילונג, וקראו ותחי נפשכם.

נורסערי – קינדערגאַרטן:

הר"ר **ישעי' יצחק רובין** שליט"א

- אלף בינה: אין די קינדערגאַרטן קלאַסן איז דאָס יאָר נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען מיט'ן דורכלערנען די הייליגע אותיות פון די אלף-בית. אַ ספּעציעלער סדר איז איינגעשטעלט געוואָרן זיכער צו מאַכן אַז קיין שום תלמיד פאַלט נישט אַרויס, יעדער קען עס גוט און איז גרייט אַריינצוגיין אין כיתה א' אָנהייבן לערנען נקודות און עברי. איינע פון די הויכפּונקטן איז אודאי דער פּרעכטיגער "הכנסת ספר תורה" וואָס ווערט געפּראַוועט אַלס "סיום" ווען מען ענדיגט לערנען די אותיות.

די קינדער שרייבן אַריין די הייליגע אותיות אין זייער 'ספר תורה' און מען טאַנצט און מען פריידט זיך מיט די שמחת התורה וואָס מען איז זוכה צו ענדיגן, און דערנאָך ווערט אָפּגעהאַלטן אַ סעודה לגומרה של תורה מיט גרויס פרייד. כדי צו מאַכן דעם מצב מער 'עכט', קומט דער מנהל שליט"א אַריין אין די כיתות און גיט אַ געלעגנהייט פאַר יעדן קינד אַריינצושרייבן אן אות מיט אַ 'עכטע פעדער' און 'טינט', וואָס גיט צו אַסאַך צו די שמחה עילאה וואָס הערשט ביי די קינדער.

- "לאָמיר ציילן" פּראָגראַם: דורכאויס די זומער וואָכן גייט אן אַ הערליכער פּראָגראַם, וואו מען לערנט מיט די צאן קדשים די נומערן אויף אַ תוכנ'פולן אופן. ביי 'איינס' האָט מען געלערנט אַז דער באַשעפער איז איינציג און אַז ער האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט "אַליין". און צום ביישפּיל ביים נומער 'פיר' לערנט מען איבער די ד' אמהות, די ד' מינים פון יו"ט סוכות, און אַזוי ווייטער; מען איז קונה פילע ידיעות התורה אויף אַן אינטערעסאַנטן און געשמאַקן וועג וואָס גיט אַריין אַ לעבעדיגקייט אין די קינדערלעך.

דערקוויקענדער אריינבליק:

כיתות א' ב' ג':

הר"ר **מרדכי ארי' שפיטצער** שליט"א

- חנוך לנער על פי דרכו: אַ געוואַלדיגע אַרבעט ווערט אַריינגעלייגט אין לימוד העברי, סיי אין כיתה א' וואו מען הייבט אן, און סיי אין כיתה ב' און ג' וואו מען איז ממשיך צוצוענדיגן דעם וויכטיגן לימוד. מען האָט אויסגעשטעלט אַ שטאַרקן סדר צו פאַרהערן יעדן יונגל עברי יעדע זעקס וואָכן, כדי צו האַלטן חשבון וואו יעדער האַלט.

- אני מאמין באמונה שלימה: במשך דעם גאַנצן יאָר בשעת די קינדער עסן פרישטאָג טרעט אויף דער מנהל שליט"א און מען גייט איבער די י"ג עיקרים וואָס דער הייליגער רמב"ם האָט אַוועקגעשטעלט אַלס יסודות הדת. יעדן "אני מאמין" איז דער מנהל מסביר פאר די קינדער אַז זיי זאָלן עס גוט פאַרשטיין אויף זייער לעוול, באַגלייט מיט מעשיות און עובדות פון גמרא און מדרשים, ווי אַזוי אויך סיפורי צדיקים פון אַלע דורות, וואָס קריצן אַריין די ריינע אמונה אין די הערצעלעך כיתד שלא תמוט.

- ליינען אויף אידיש: ביי די "לאָנטש" הפסקה האָט מען איינגעשטעלט פאר אַלע קינדער וואָס ווילן נישט אַרויסגיין שפילן אין הויף, הונדערטער ביכלעך ספעציעל פאר די יונגערע יאָרגאַנג קינדער וואָס הייבן יעצט אן צו ליינען. די ביכער זענען געדרוקט מיט שיינע גרויסע און געפינטלטע אותיות און מיט בילדער, כדי די קינדער זאָלן קענען ליינען מיט פאַרגעניגן. ווי מען הערט צוריק פון עלטערן באַקומען די קינדער אַ טעם אין ליינען די אידישע שפראַך, וואָס דאָס ברענגט אַ שטאַרקע תועלת, סיי אויפן הווה דורך געבן פאַר די קינדער וויכטיגע ידיעות, און סיי אויף להבא אַז זיי זאָלן איינגעוואוינט ווערן צו ליינען היימישע און אויסגעהאַלטענע ליין-מאַטעריאַל.

- שמירת עינים: דעם פאַרלאָפענעם חנוכה תשפ"ו לפ"ק האָט מען געמאַכט אַ גרויסע התעוררות איבער די טעכנאָלאָגישע כלים, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ רושם און האָט זיך געשפירט אין די לופטן אויפן גאַנצן יאָר. מען האָט אויפגעהאָנגען אינעם קאָרידאָר הונדערטער צעטלעך פון די קבלות טובות וואָס די קינדער האָבן זיך אונטערגענומען זיך צו היטן די אויגן, און די חשוב'ע מלמדים שליט"א האָבן כסדר גערעדט דערפון, זייענדיג מחזק דעם יסוד קדושת ישראל.

כיתות א' ב' ג':

הר"ר **חיים ראובן שעהנברוין** שליט"א

- ושמרתם זו המשנה: די קינדער אין כיתה ג' האָבן פלייסיג אַדורכגעלערנט דריי פרקים משניות אין מסכת ברכות: פרק תפלת השחר, פרק אין עומדין, און פרק כיצד מברכין. יעדער פרק איז איבערגע'חזר'ט געוואָרן גרינטליך, און די קינדער האָבן זיך געלאָזט פאַרהערן דערויף און געקענט ענטפערן כראוי אויף די פרקי משניות. אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן עס אפילו געקענט אויף אויסנווייניג מיט'ן לשון, וואָס דאָס האָט געוויזן אויף די התמדה און דעם חשק מיט וואָס די תלמידים האָבן געלערנט און גע'חזר'ט.

- כל השונה הלכות: צווישן די אַנדערע לימודים, שטראַלט אַרויס דער סדר הלימוד אין הלכות, וואָס די קינדער לערנען דורך. מען לערנט די ענינים וואָס זענען נוגע פאר זיי מדי יום ביומו, און מען לערנט דורך הלכות השכמת הבוקר, קריאת שמע, שמונה עשרה, נטילת ידים, און ברכת המזון, וואָס וועט בלייבן איינגעקריצט ביי זיי אויף די שפּעטערדיגע יאָרן.

- בן חמש למקרא: ווי באַזונדער געמאָלדן, איז פאָרגעקומען דער געהויבענער התרגשות'דיגער מעמד "חומש סעודה" בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אינעם "גינת אסתר" זאַל. דאָס איז געווען אן ערשטמאָליגע הייליגע איבערלעבעניש פאר די מלמדים און די תלמידים, וואָס האָט אַריינגעברענגט אַ חשק און אַ זיסקייט צו לערנען די הייליגע תורה.

כיתה ד'-ה':

הר"ר **קלמן אליעזר סאאל** שליט"א

- באלוינונגס ווינקל: היי-יאָר האָט מען איינגעפירט אַ נייעם מהלך צו באַלוינען אַ תלמיד ווען ער טוט עפּעס אויסנאַמליך. עס קען זיין סיי וואָס: זיך אויסצייכענען

מיט אַ גוטע התנהגות, דאַוועגען מיט אַ געשמאַק, לערנען פלייסיג, אָדער פאַר סיי וועלכע זאַך דער מלמד וויל באַלוינען אַ יונגל. דער תלמיד באַקומט אַ "קאַרטל" מיט וואָס ער קען איינקויפן פאַרשידענע ממתקים אינעם "באלוינונגס ווינקל", וואָס דאָס האָט אַריינגעברענגט אַ געשמאַקע אַטמאָספערע אינעם גאַנצן סניף.

- יסודות הדת: די יסודות'דיגע לימודים איבער אונזער הייליגע תורה און שכר ועונש זענען פאָרגעלערנט געוואָרן אינעם ערשטן חלק פונעם זומער זמן. מיט זיין געשמאַקן לשון לימודים האָט דער מנהל שליט"א אַראָפּגעלייגט פאר די תלמידים די וויכטיגע און פונדאַמענטאַלע ידיעות, וואָס וועלן זיי אודאי באַגלייטן דורכאויס דעם גאַנצן לעבן.

- ולא תתורו אחרי עיניכם: אַ מורא'דיגע איבערלעבעניש איז געווען דאָס יאָר ווען מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט צום יערליכן "טריפּ", וואו די תלמידים פאַרן זיך אַביסל אויסלופטערן און הנאה האָבן. מען האָט באַקלעבט די פענסטער מיט ספּעציעלע טאָוולען, אַז מען זאָל נישט אַרויסקוקן אויף די שמוציגע גאַסן וואָס מען האָט געדאַרפט דורכפאָרן אויפ'ן וועג. די טאָוולען האָבן געהאַט אויפשריפטן מיט שטאַרקע ווערטער אַז מיר היטן אונזערע הייליגע אויגן נישט צו קוקן וואו מען דאַרף נישט. דאָס האָט איבערגעלאָזט אַ רושם בל ימחה אויף די תינוקות של בית רבן, זיך שטענדיג אָפּצוהיטן זייערע אויגעלעך.

כיתות ו' ז' ח':

הר"ר **משה אלי' גרין** שליט"א

- הלומד וחוזר כזורע וקוצר: די תלמידי כיתה ח' האָבן היי-יאָר איבערגע'חזר'ט איבער זעכציג בלאט גמרא פון אַלע לימודים וואָס זיי האָבן געלערנט דורכאויס די פאַרלאָפענע דריי יאָר, אַריינגערעכנט טיילן פונעם פרק "הגוזל עצים" מיט "תוספות", און זיך געשטעלט צום פאַרהער ביי הרבנים הגאונים שליט"א. אַזוי אויך האָבן די תלמידים פון כיתה ז' געענדיגט די פרקים "המפקיד" און "השוכר" אין מסכת בבא קמא, וואָס זיי האָבן געלערנט דורכאויס דעם יאָר, און זיך געשטעלט אויף אַ פאַרהער דערויף צוזאַמען מיט די לימודים פון אַ יאָר פריער. די תלמידי כיתה ו' האָבן זיך אויך געשטעלט על כור המבחן אויף פרק "הישן" און פרק "לולב הגזול" אין מסכת סוכה, וואָס זיי האָבן ב"ה געקענט גאָר פיין.

- שנו חכמים בלשון המשנה: כאָטש די תלמידים לערנען שוין גמרא, לייגט מען אָבער אַ דגוש אַז זיי זאָלן אויך לערנען משניות, און זיך איינקויפן אַ בקיאות אין אַלע סוגיות און ענינים וואָס ווערן דערמאַנט אין ש"ס. מען גייט דורך אַ גרויסן טייל פון די ששה סדרי משנה דורכאויס די דריי יאָר, און די תלמידים האָבן דערפון אַ מורא'דיגן תועלת.

- כל השונה הלכות: אין אַ באַזונדערן שיעור וואָס מען האָט מסדר געווען, גייען די תלמידים דורך פאַרשידענע הלכות וואָס זיי לערנען הלכה למעשה, וואָס דאָס בלייבט בעז"ה אַ קנין נצחי אויפ'ן גאַנצן לעבן צו וויסן "את המעשה אשר יעשון". כיתה ח' לערנט הלכות תפילה; כיתה ז' לערנט דעם באַרימטן ספר "הלכה למעשה" פון הרה"ג רבי צבי זאב בערגער ז"ל - וואָס איז ליידער לעצטנס נסתלק געוואָרן בדמי ימיו - וואָס נעמט אַרום פילע שאלות וואָס זענען נוגע אויף למעשה אין הלכות שבת, וואו מען גייט אדורך די עיקרים פון די ל"ט מלאכות; און כיתה ו' לערנט הלכות ברכת הפירות. פארשטייט זיך אַז פאר יעדן יום טוב גייט מען איבער די הלכות חג בחג, וואָס גיט אַריין דעם ריכטיגן טעם אין די מועדי השנה.

- בן י"ג למצוות: גלייך נאָך פסח הייבט מען אָן צו לערנען מיט די תלמידים פון כיתה ח' פאַרשידענע לימודים כהכנה צו די בר מצוה, היות אַ גרויסער חלק פון די קינדער ווערן שוין בר מצוה אינעם זומער פון כיתה ח'. מען גייט דורך גאַנץ הלכות תפילין, און מען הערט גאָר שיינע שיעורי הכנה לבר מצוה מיט די ריכטיגע השקפה אויף יעדן הינזיכט וואס א בחור דארף וויסן, וואָס ווערט איבערגעגעבן דורך המשפיע הרה"ג רבי יחזקאל שרגא שטיין שליט"א מרבני הכולל ומשפיע בביהמ"ד בית מנחם צבי. מען ברענגט אַרויס פאר די תלמידים וויאַזוי עס דארף אויסזען א תפילין לייגן, א דאוונען, דאָס חשיבות פון קריאת שמע בזמנה, און וואָס עס מיינט אַ בחור אַ ירא שמים. די בחורים שרייבן אַראָפּ ראשי פרקים פון די וויכטיגע שיעורים למען יעמדו ימים רבים.

- לקוח את ספר התורה הזה: אַ חידוש וואָס מען האָט אַריינגעברענגט היי-יאָר אין די לימודי חומש רש"י, אַז ביים סוף פון יעדן "סדר", מאַכט מען אַ פאַרהער אויף אַלע סדרות פונעם סדר. למשל, ביי פרשת ויחי מאַכט מען אַ פאַרהער אויף אַלע פרשיות פון חומש בראשית, ביי פרשת פקודי אויף אַלע פרשיות פון חומש שמות, און אַזוי ווייטער. דאָס האָט שטאַרק אַרויפגעברענגט דעם לימוד ביי די תלמידים, וועלכע זעען אַז עס בלייבט ביי זיי אַ קנין אויך אויף שפּעטער.

- ויבינו במקרא: ספּעציעלע כוחות ווערן אַריינגעלייגט אין דעם נושא פון "טעמי המקרא". עס ווערט איבערגעגעבן בטוב טעם ודעת דורך הרה"ג רבי יואל שטערן שליט"א פון מאָנסי, און מען זעט טאַקע אַז זיי זענען עס קונה; די קינדער לערנען זיך אויס צו ליינען אין די תורה און מעביר סדרה זיין ריכטיג מדי שבוע בשבוע. דער סדר הלימוד גייט שוין אן פאר לאַנגע יאָרן, ווען הר"ר יואל קומט געוועגליך אַריבער יעדן זונטאָג, צוטיילט לויט די אָפּטיילונגען, און מען גייט אַדורך אַלע טראָפּן ביז די תלמידים קענען ליינען כראוי וכהוגן. היי-יאָר איז אויך צוגעקומען אַז מען האָט אַריינגענומען אין דעם לימוד אויך כיתה ז', כדי מען זאָל האָבן נאָך אַ יאָר פון לערנען די טראָפּן, וויבאַלד די "רגילות" און חזרה זענען זייער וויכטיג אַז מען זאָל עס טאַקע גוט אויפכאַפּן, ממילא וועט עס נאָכן לערנען נאָך אַ יאָר בעסער אַריינגיין אין קאָפּ.

כיתות ו' ז' ח':

הר"ר **יואל שטערן** שליט"א

- מאי חנוכה דתנו רבנן: כאָטש די טעג פון חנוכה ווערן אָפטמאָל פאַרוואַסערט - מען קומט שפּעט און די לימודים קענען ווערן אַביסל נאָכגעלאָזט - האט מען אָבער ווייטער געהערט אפדונערן דעם קול התורה מיט פאַרשידענע פּראָגראַמען וואָס האָבן מעודד געווען די טייערע תלמידים ני"ו אָנצוגיין ווייטער און צולייגן נאָכמער, מעלין בקודש, אין התמדה ולימוד התורה.

אַלס באַלוינונג איז זונטאָג ויגש, ראש חודש טבת און דעם זיבעטן טאג חנוכה, פּאָרגעקומען אַ הערליכע חנוכה מסיבה וואו עס האט אויפגעטרעטן דער באַרימטער בעל מספר הר"ר פיניע רובינשטיין הי"ו, וואס האט געהאלטן די תלמידים געשפּאַנט מיט סיפּורי צדיקים פאר אַ לענגערע צייט.

- תספרו חמישים יום: אין די ימי הספירה האָט מען זיך געגרייט מיט גרויס פלייס צו קבלת התורה מיט אן אייגנאַרטיגן פּראָגראַם. אָנהייב ימי הספירה האָט דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט אַ וואַרימע דרשה אַז יעדער תלמיד זאל זיך אונטערנעמען אַ זאך - יעדער לויט וואָס ער פילט פאר פּאַסיג - צו אַרבעטן דערויף אין די קומענדיגע פערציג טעג.

עס איז געווען אַ מחזה הוד צו זען ווי די קינדער האָבן זיך מקבל געווען זייערע קבלות, זיין אייגענע זאך אויף וואס ער וועט אַרבעטן, צי אין לימוד התורה, עבודת התפילה, בין אדם לחברו, און נאָך אַסאַך. מ'האָט אויסגעטיילט אַ שיינע "קאַרטל" זיך צו צייכענען אויף יעדן טאָג וואָס מען האָט אויסגעפירט די קבלה טובה. דאָס קאַרטל איז געווען אַ ספּעציעלער "סקרעטש-אף" קארטל, וואָס האָט אריינגעברענגט א שטאַרקע מאָטיוואַציע ביי די קינדער צו גיין ווייטער מדי יום ביומו. דער קאַרטל איז געווען אויסגעשטעלט אַז ביי געוויסע טעג ווען מען קראַצט עס אָפּ קומט אַרויף "גוטע אַרבעט! קענסט קומען נעמען א מזונות!" אדער אנדערע גוטע זאַכן וואס די קינדער האָבן געקענט קומען אָפּנעמען ביים אפיס, וואס האָט אריינגעברענגט אַ לעבהאַפּט און האָט געשטופּט צו גיין יעדן טאָג פאָראויס. ווען מען ענדיגט די פערציג טעג פון אַרבעטן אויף די קבלה - וואָס ווי באַקאַנט פון צדיקים איז "פערציג טעג" די צייט צו אויסאַרבעטן אַ מדה - האָבן זיי באַקומען אַ שיינע תעודה אַלס אַנערקענונג אויף זייער "עבודת המידות".

- ושננתם שיהיו דברי תורה מחודדים בפיך: אזוי אויך האָט מען אַריינגעלייגט שטאַרקע כוחות אין די חזרה פונעם מסגרת "תורתי אל תעזובו", וואו די תלמידים האָבן איבערגעחזר'ט אַלעס וואס מ'האָט געלערנט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. נאך די חזרה איז פאָרגעקומען דער גרויסער פאַרהער, וואו די תלמידים האבן זיך אויסגעצייכנט, און עס האָט דערפריידט דאָס האַרץ מיטצוהאלטן די קלאָרע ענטפערס וואָס די תלמידים האָבן געענטפערט מיט אַ געשמאַק.

- וימאן! נאָכן מורא'דיגן מעמד "וימאן" אין פרשת וארא, האָבן די תלמידים גענומען אויף זיך שטאַרקע קבלות טובות אין די ענינים פון די טעכנאָלאָגישע כלים, נישט צו אָנרירן קיין שום סאָרט כלים און זיך האַלטן ווייט פון ווידעאָ קליפּס וכדומה. מען האָט געקענט אויסקלייבן פון דריי דרגות, אָבער כמעט אַלע תלמידים האָבן זיך אונטערגענומען די העכסטע דרגה וואָס מען האָט געקענט, און דאָס האָט אַריינגעברענגט אַן אַטמאָספער פון פעסטקייט ביי די תלמידים צו שטיין שטאַרק קעגן די נסיונות הזמן.

כיתות ו' ז' ח':

הר"ר **אלעזר אייבנשטיין** שליט"א

- עבודה שבלב זו תפילה: די פּראָגראַם פון 'כוונת התפילה' האָט געהאַט אַ געוואַלדיגע הצלחה. דער פּראָגראַם איז אויסגעשטעלט אַז די תלמידים לערנען דורכאויס דעם גאַנצן יאָר פאַרשידענע שטיקלעך פונעם דאַווענען, צוטיילט לויט די וואָכן, און מען חזר'ט זיך איין די טייטשט כדי מען זאָל וויסן די פּירוש המילות. אַלס באַלוינונג אויף זייער שווערע האָרעוואַניע אינעם מסגרת "כוונת התפילה" דורכאויס די שובבי"ם וואָכן, האָבן די תלמידים געהאַט אַ שיינע נסיעה. אינדערפרי איז מען אַרויסגעפאָרן קיין מאָנסי, וואו מען איז געגאַנגען בבית מדרשינו הגדול אין מאָנסי, און מען האָט געהערט שטאַרקע דברי חיזוק פון הגה"צ אב"ד קהלתינו מאָנסי שליט"א איבערן ענין פון אינזין האָבן ביים דאַווענען און די גרויסע חשיבות פון תפילת תינוקות של בית רבן וואָס די וועלט שטייט אויף זייער הבל פיהם. נאָכדעם האָט דער רב שליט"א אויסגעטיילט די כתבים פאר די תלמידים המצטיינים.

דערנאָך זענען די תלמידים אַרויפגעגאַנגען מתפלל זיין ביי די ציונים הקדושים פון הרה"ק מריבניץ זי"ע און די רבי'ס לבית סקולען זכותם יגן עלינו, וואו די תלמידים האָבן אויסגעבעטן אַלע גוטע השפעות. דערנאָך איז מען צוגעפאָרן צו אַ געשמאַקן "אינדאר סווימינג פול", וואו די תלמידים האָבן פאַרברענגט מיט הנאה און אָנגעשעפּט פרישע כוחות צו גיין ווייטער מעלה מעלה.

- וספרתם לכם: דורכאויס די ימי הספירה איז אָנגעגאַנגען אן אייגנאַרטיגער פראָגראַם, וואו די תלמידים האָבן באַקומען קאַרטלעך פאר גוטע אויפפירונג, סייביים דאַווענען, סיי ביים לערנען, און סיי מיט מידות טובות. די קאַרטלעך האָט מען יעדע וואָך אַריינגעלייגט אין איין גרויסן "לאטא" גורל. נאָכדעם וואָס מען האָט צוזאַמגענומען אַלע קאַרטלעך האָט מען אויסגערעכנט וויפיל קאַרטלעך עס זענען אַריינגעקומען, און לויט איז באַשטימט געוואָרן דער סכום פונעם גורל; וואָס מער קאַרטלעך, אַלס גרעסער ווערט דער גורל. מען האָט טאַקע געזען אַ שטאַרקע עלי' ביי די תלמידים, ווען זיי האָבן אויסגענוצט די טעג מיט די ריכטיגע הכנה צום יום טוב שבועות.

- תורתי אל תעזובו: יעדע כיתה האָט געהאַט אויסגעשטעלט אַ ספּעציעלן סדר החזרות, וואו די תלמידים זענען איבערגעגאַנגען אַלע זייערע לימודים און האָבן עס קונה געווען בשלימות, און זיך געשטעלט צו אַ פאַרהער. אַ הערליכער סיום איז געפּראַוועט געוואָרן יעדעס מאל ווי מען האָט סערווירט אַ געשמאַקע סעודה לשמוח בשמחת התורה, און די תלמידים האָבן באַקומען הערליכע כתבים לאות אויף זייער התמדת התורה און ידיעות התורה וואָס זיי האָבן זיך איינגעקויפט.

כיתה מכינה לישיבה קטנה:

הר"ר **יודא בער טעללער** שליט"א

- שובו בנים שובבי"ם: די ימי השובבי"ם זענען ביי יעדן אָפּטיילונג אַ צייט פון שטייגן, אָבער נאָכמער איז דאָס דערקענבאַר אין די כיתה מכינה לישיבה. דאָרט ווערט די צייט אויסגענוצט אויף אַ העכסט געהויבענעם פאַרנעם מיט התמדה בתורה, דרשות איבער יראת שמים, און אַן עבודת התפילה וואָס די תלמידים לייגן אַריין אין זיך, וואָס בלייבט ביי זיי אַלס אַ קנין נצחי. מען קען זאָגן אַז די תקופה איז איינע פון די יסודות'דיגע צייטן וואָס פאָרעמען אויס די תלמידים צו זיין ריכטיגע בחורים עובדי ה', מיט אן ערוואַקסענעם בליק אויפן לעבן.

- וקדשתם היום ומחר: א העכסט וואַרעמער מעמד "הכנה לקבלת התורה" איז פאָרגעקומען אין די שלשת ימי הגבלה, וואו מען האָט געהאַט צוגאַסט המגיד הרה"ג רבי יצחק אייזיק קרישעוועסקי שליט"א, וועלכער האָט געפּראַוועט אַ הערליכע מסיבת הכנה צו קבלת התורה מיט די תלמידים. מען האָט געזינגען ניגוני דביקות והכנה און עניני תורה, און דער בעל דרשן שליט"א האָט מיט זיינע זיסע רייד אַריינגעברענגט די תלמידים אין א שבועות'דיגע אַטמאָספערע, וואָס האָט איבערגעלאָזט א שטאַרקן רושם.

- אוגר בקיץ בן משכיל: די זומער וואָכן זענען דער שפּיץ פונעם יאָר אין כיתה מכינה לישיבה. די בחורים פאַרברענגען אין אַ ריכטיגער "ישיבה'ישער אַטמאָספערע" דורכאויס די גאַנצע פיר און צוואָנציג שעה פונעם טאָג, זיבן טעג אַ וואָך. די צייט ווערט אויסגענוצט אויף לימוד התורה און אַריינצוברענגען אין די תלמידים דעם אמת'ן בליק אויף אַ דאַווענען און אויף אַ שבת קודש, וואָס דערקענט זיך אויף די תלמידים אויך לאַנג לאַנג נאָכ'ן אַהיימקומען.

- הדרן עלך מסכת קידושין: אין די טעג ענדיגן די תלמידים די לומדי'שע "מסכת קידושין" וואָס זיי האָבן אַדורכגעלערנט מיט יגיעה און פלאָג. די כוחות וואָס די תלמידים לייגן אַריין דורכאויס דעם גאַנצן יאָר, קומען יעצט צום אויסדרוק, ווען מען ענדיגט דעם יאָר און די תלמידים געפינען זיך מיט אַ גאַנצע מסכת אין ש"ס אין זייערע הענט; דאָס אַלעס ווערט צוזאַמגענומען ביי די ריזן חזרות וואָס ווערן אָפּגעהאַלטן אינעם חודש אלול. סוף יאָר קומט פאר אַ גרויסער פאַרהער, וואו די תלמידים שטעלן זיך צום פאַרהער ביי הרבנים הגאונים שליט"א, און דערנאָך, אָנהייב פון די ווינטער וואָכן, ווערט אָפּגעהאַלטן אַ הערליכער מעמד "סיום מסכת קידושין" מיט די באַטייליגונג פון די תלמידים און זייערע עלטערן בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, ווי מען איז זיךל משמח בשמחת התורה.

- זכרו תורת משה: ווי יאָר-יערליך האָבן די תלמידים אין כיתה מכינה פאַרענדיגט לערנען די גאַנצע הייליגע תורה שבכתב, די חמשה חומשי תורה, וואָס ווערט פלייסיג אַדורכגעלערנט, יעדע וואָך די סדרה, און מען פאַרהערט עס מיט אַ וועכנטליכע בחינה בכתב. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס די בחורים לערנען אַדורך די גאַנצע סדרה מדי שבוע בשבוע, וואָס דאָס שטעלט אַוועק דעם יסוד אַז דאָס לערנען חומש רש"י איז אַ חיוב אויף יעדן איד אַלע זיינע יאָרן - אַ זאַך אויף וואָס אונזערע רבי'ס האָבן געלייגט אַ שטאַרקן דגוש און עס פאַרלאַנגט בכל התוקף.

בית רחל נייעס

דורכאויס פאַרלאָפענעם יאָר:

שנת תשפ"ו לפ"ק

בית רחל:

הרה"ג **בנימין צבי ליכטענשטיין** שליט"א

- שבת בו תלמוד: דעם פאַרגאַנגענעם שנת הלימודים האָבן די תלמידות דורכגעלערנט דעם וויכטיגן לימוד פון "הלכות שבת", וואָס מען איז דאָס יאָר דורכגעגאַנגען אַ שיינער טייל דערפון. דאָס זענען פון די וויכטיגסטע הלכות אין אַ אידישע שטוב וואָס זענען נוגע מדי שבת בשבתו, יעדע איינציגסטע וואך, און מען זעט אַז די תלמידות האָבן ב"ה קונה געווען אַ ברייטע ידיעה מיט אַ קלאָרקייט אין דעם.

- אדבר"ה נא שלום בך: אינעם שנת הלימודים תשפ"ו לפ"ק האָבן די טויזנטער תלמידות בית רחל מיטגעהאַלטן דעם "אדבר" פּראָגראַם וואָס מען האָט דורכגעאַרבעט דאָס יאָר, אָנגעהויבן פון פאַרגאַנגענעם אלול תשפ"ה העעל"ט. יעדעס יאָר איז דאָ אַ "מידת השנה" אויף וואָס מען אַרבעט, און דעם יאָר איז די נושא געווען אַרום "דיבור". מען איז דורכגעגאַנגען די נושאים פון רעדן מיט אן איידעלע שפּראַך, דער האַרבער איסור פון לשון הרע, די מעלות און די התחייבות צו רעדן די טאָג-טעגליך געשפּרעכן די אידישע שפּראַך און זיך רופן מיט די אידישע נעמען, וויאַזוי צו רעדן צו עלטערן, און אַכטונג געבן נישט ווי צו טון אַנדערע מיטן מויל. פון די אַנדערע זייט האָט מען געלערנט איבער די חשיבות פון אַרויסזאָגן דיבורי קודש פונעם מויל, ווי דאַווענען און תפילות ובקשות, און לערנען תורה וואָס איז נוגע ביי פרויען.

- ביי די צוועלפטע קלאַס האָט מען אויך - ווי יעדעס יאָר - געלערנט איבער די ברענענדיגע נושא פון טעכנאָלאָגיע אונטערן נאָמען "ראי"", ווי מען לערנט איבער די נסיונות הדור, און וויאַזוי מען קען זיך האַלטן ריין און הייליג אויך אין דעם היינטיגן מהלך החיים.

- שבת המתאחדת: אַ הערליכער שבת התוועדות פאר די תלמידות פון צוועלפטע קלאַס איז אָפּגעהאַלטן געווארן ביום שב"ק פ' אמור אין די קעטסקיל בערג. דאָנערשטאָג אויפן וועג האָבן די תלמידות זיך אָפּגעשטעלט בביתו נאוה קודש פון רביה"ק בעל דברי יואל אין קרית יואל, וואו עס האט אויפגעטרעטן פאר זיי בגודל קדושת המקום הר"ר אלי' שלמה קאהן שליט"א, מנה"ר בית רחל אין קרית יואל, און נאָכדעם האָבן די תלמידות געדאַוונט דאָרט אויפן פּלאַץ אַ וואַרעמע תפילת מנחה.

נאָכן אָנקומען אין קעמפּ דאָנערשטאָג נאַכט, האט זיך אָנגעהויבן אַ צייט-אָפּשניט פון עטליכע מעת לעת וואו מען האט דורכגערעדט די נושאים וואָס זענען נוגע די תלמידות אין הלכה און השקפה, ווי: "וואס מיינט אַ אידישע שטוב", "שידוכים", "צניעות און פריוואַטקייט פון אַ אידישע שטוב", "טעכנאָלאָגיע און עי-איי", "גרופּעס", "שבת סעודות", און אויך וואָס עס מיינט אידישקייט בכלל און די חילוקים צווישן היימישע אידן און אַנדערע סאָרט קרייזן. די מיידלעך זענען אַהיימגעפאָרן מיט קבלות טובות און מיט א ווייטגרייכנדע רישומא דקדושה וואָס וועט זיי אי"ה באגלייטן אויפן גאַנצן לעבן.

די מענעדזשערס דערציילן...

וואס שפילט זיך אפ אין די "בניני המוסדות"

"ואם אין קמח אין תורה".

נאכן באקומען דעם רוחניות'דיגן בילד פון די מוסדות, האָבן זיך פאַרבונדן מיט די געטרייע "מענעדזשערס" פון די בניני המוסדות, הם העומדים על הפקודים, וועלכע זענען אחראי אַז אַלץ זאָל זיין צוגעשטעלט על צד היותר טוב און שטייען על המשמר זיכער צו מאַכן אַז אלעס קען אָנגיין. מיר האָבן זיך אַראָפּגעזעצט מיט די חשוב'ע ממונים, ועליהם שטייט דער איש האשכולות מוה"ר **ישראל חיים ראָזענבערג** הי"ו, וואָס איז דער ריכטיגער עומד על גביהם און איז 'אן טאָפּ' אויף כל דבר קטן וגדול, און געבט זיך מיט אַלץ און אַלעמען וואָס האָט נאָר מיט די בניני המוסדות, צו הערן פון די מענעדזשערס אַ באַריכט איבער'ן פאַרלאָפענעם יאָר:

צענטראַלער קאָך שע"י מוסדותינו הק'

מוה"ר **הערשל קלעפנער** הי"ו

- אם אין קמח אין תורה: פולער יאָר פון סערווירן די געשמאַקע מאָלצייטן ווערט אָפּגעצייכנט אינעם צענטראַלן קאָך פון מוסדותינו הק" אויף וואלווארט סט. וואו עס ווערן אַרויסגעשיקט טאָג טעגליך העכער צוועלף טויזנט פּאָרציעס! פאר אַלע אָפּטיילונגען פון די תלמוד תורה, בית רחל און ישיבות קטנות.
- ראה זה חדש: הערליך פאַרברייטערט-איבערגעמאַכטער קאָך וואָס האָט אָפּגעקאָסט ריזיגע סכומים שטעלט אַהער פרישע פלאַץ און פאַרגרינגערט עבודת הקודש פון צושטעלן די מאָלצייטן.
- ואכלת ושבעת: איניציאַטיוו אָנגעהויבן צו געבן געזונטערע און ברייטערע מאָלצייטן פון די תמידות בית רחל פון זיבעטע און אַכטע קלאַסן, אַז עס זאָל זיין געשמאַקער און גלייכצייטיג מער געזונטע מאכלים וואָס זאָלן געבן די ריכטיגע כוחות צו טון וואָס מען דאַרף איבערן גאַנצן טאָג.

בנין התלמוד תורה – ווייט עוועניו:

מוה"ר **יושע העבט** הי"ו

- איש אשר רו"ח בו: היי־יאָר, זעענדיג אין די אָנהייב זומער חדשים אַז דער עירקאָנדישאָן ווערט כסדר צובראָכן, האָט די קאָמפּאַני אונז געזאָגט אַז לויט ווי עס קוקט אויס איז די עירקאָנדישאָן סיסטעם אין געוויסע חלקים פונעם בנין שוין היפּש אַלט, און עס איז שוין צייט אַז יונגערע זאלן איבערנעמען די אַרבעט... מען האָט טאַקע איבערגעמאַכט דעם עירקאָנדישאָן אין אַ גרויסן חלק פונעם בנין, וואָס האָט אַסאַך צוגעגעבן צום הרחבת הדעת פון די רבנן ותלמידיהון צו קענען לערנען מיט אַ געשמאַק אויך אין די הייסע וועטערן.

- בן חמ"ש למקרא: אַריינגייענדיג צום פרישן שנת הלימודים שנת תשפ"ז לפ"ק, האָט מען זיך געטראָפן מיט אַ פּראָבלעם: מקום מנלן? דער בנין איז שוין היינט צוטאָגס אויסגענוצט פון אַלע ווינקלען. טאַקע מיט אַ יאָר צוריק האָט מען אויסגענוצט דאָס לעצטע ביסל פלאַץ וואָס איז נאָך געווען אויפן אונטערשטן שטאָק צו פלאַצירן פרישע כיתות, און יעצט איז מען געשטאַנען מיט "פינף כיתות" וואָס האָבן נישט קיין פלאַץ צום קומענדיגן יאָר!

מען האָט שוין מסדר געווען די פלענער וואו מען גייט 'אַריינשטופּן' פינף פרישע כיתות, אָבער דאָס ברענגט צום אויבערפלאַך דעם דרינגנדן צורך אויסצובּרייטערן דעם בנין אין די נאָנטע צוקונפט.

- צוויי פרישע שטאָקן: דורכאויס דעם פאַרלאָפענעם יאָר האָט מען שטאַרק פּראָאויסגערוקט די פלענער אַרויפצוציען צוויי נייע שטאָקן אויף די חלקים פונעם בנין וואָס זענען יעצט בלויז פיר שטאָק הויך, און מיט דעם וועט זיין "והיה המשכן אחד", די גאַנצע פעסטונג פונעם בנין האדיר "תלמוד תורה ווייט עוועניו" וועט זיין

גאַנצע זעקס שטאָק הויך. מען האָט שוין באַוויזן צו טוישן די "זאָונינג", און דער בנין איז אַדורך דעם קריטישן שטאַפּל פון "טעסטינג" צו זען צי דער בנין און די יסודות זענען גענוג שטאַרק צו האַלטן די פרישע שטאָקן. מען האפט בקרוב צו באַקומען די ענדגילטיגע פערמיטן און זיך נעמען צו די בוי־אַרבעט.

- האדמה אשר אתה עומד עליה: אַ גרעסערער פּראָיעקט איז אונטערגענומען געוואָרן איבערצומאַכן די "פלארס" פון אַלע זעקס שטאָקן פונעם בנין. דאָס ציט זיך לענגאויס עטליכע וואָכן ווען מען לייגט איבער די גאַנצע געביידע מיט נייע טיילס, וואָס וועט געבן אַ הרחבת הדעת און אַ פרישקייט פאר יעדן איינעם. די אַרבעט ווערט אויסגעפירט אויפן בעסטן אופן שייך אַז עס זאָל נישט שטערן די לימודים, און עס זאָל נישט שאַפן קיין פּראָבלעמען צו גיין און קומען דורכאויס די צייט ווען מען לייגט די נייע פלאָרס.

בניני בית רחל – בניני ריספלער:

מוה"ר **אברהם יושע ניימאַן** הי"ו

- הבונה כל שהוא: זיך גרייטנדיג צו אָנהייבן די מלאכת הבניה ביים דריטן בנין ריספלער, וואָס וועט אי"ה בקרוב אַריינגיין אין שוואונג, האָט מען צוערשט געדאַרפט צוגרייטן דעם באָדן. היות די הכנות זענען צומאָל גאַנץ אַ גרויסע אונטערנעמונג פאר זיך, האָט מען יעצט געדאַרפט אַריינגיסן ריזיגע געלטער בלויז צו קענען אָנהייבן די אַרבעט. וויבאַלד דער דריטער בנין וועט פאַרדעקן עטליכע שטאָקן פון די עקזיסטירנדע בנינים, האָט מען געדאַרפט פאַרמאַכן אַלע פענסטערס פון די קלאַסן. דאָס האָט אָבער געשאַפן אַ געברויך אַריינצוציען אַ "סענטראַל עירקאָנדישאָן" סיסטעם אין

דערקוויקענדער אריינבליק:

די אַלע צימערן, וויבאַלד עס וועלן מער נישט זיין קיין פענסטערס וואו מען וועט קענען אַריינלייגן אן עירקאָנדישאָן.

די אַרבעט איז פיל מער פאַרצווייגט ווי מען קען מיינען; מען רעדט דאָ פון אַן אַלטע געביידע מיט ווענט וואָס זענען צוועלף אינטשעס דיק, און יעדע פייפ וואָס מען דאַרף אינסטאָלירן פאָדערט אַ גאַנצע הכנה. צוערשט דאַרף מען מאַכן לעכער אין די ווענט וואו די רערן זאָלן קענען אַריבערלויפן, נאָכדעם דאַרף מען ציען די עלעקטעריק, און אַ דריטע סיסטעם דאַרף אַריינגעלייגט ווערן וואו דאָס וואַסער וואָס ווערט אַרויסגעצויגן פון די פייכטקייט זאל קענען אַרויסגיין. דאָס אַליין האָט אָפּגעקאָסט קרוב צו פיר הונדערט טויזנט דאָלער!

בניני בית רחל – טעפּי פּלעיס / בעדפאָרד קיעפ:

מוה"ר **בנציון פריעדמאַן** הי"ו

- כלולת מגדלים נאים: דער גרעסטער חידוש היי-יאָר איז אָן קיין ספק דאָס זיך אַריינציען בשעה טובה אינעם נייעם "בנין בית רחל - בנין אברהם יודא מאַנדל" אויף בעדפאָרד עוועניו קאָרנער קיעפ סט. דאָס האָט אַריינגענומען די אַרבעט פון צוענדיגן דעם בנין ביזן לעצטן דעטאַל, ווי אויך די קאָנסטרוקציע וואָס גייט נאָך יעצט אָן צו פאַרענדיגן די נייע "חתונה זאל" אויפן אונטערשטן שטאָק. אָבער וואָס מען זעט נישט, איז די אויסטערלישע אַרבעט וואָס איז אַריינגעגאַנגען אינעם 'מופן' אַליין. וויבאַלד דאָרט לערנען די קלענערע

מיידלעך, וואס דאַרפן האָבן פילע חלקים און צימערן לויט זייערע געברויכן, איז דאָס מופן איז געווען אַ קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע, וואָס איז ב"ה דורכגעגאַנגען מיט גרויס ערפאָלג, אָן דעם וואָס עס זאל אַפעקטירן די סדרים ביי די קינדער.

- פרישע קלאַסן פאר די צוועלפטע קלאַס: דעם יאָר זענען צוגעקומען כמעט פופציג מיידלעך צו דער באַרימטער "צוועלפטער קלאַס", וואָס דאָס האָט געצווינגען אַריינצוגיין אינעם ניי-אָפּגעקויפטן בנין אויף טעפי פלעיס. מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף די אונטערשטע שטאָקן פונעם בנין אויסצורישן נייע קלאַסן וואָס ווערן פאַרטיג אין די טעג.

מבית ומבחוץ תצפנו: דער נייער בנין, וואָס איז טאַקע ניי פאַר אונז, אָבער איז למעשה אַ גאָר אַלטער בנין, האָט וויכטיג געדאַרפט ווערן איבערגעמאכט די גאנצע "פאסאד" פונדרויסן; אז דער בנין זאל זיך האלטן. אזוי אויכעט האט מען געדארפט באשמירן די גאנצע בנין מיט ספעציעלע מאטריעל אז דער בנין זאל נישט ווערן געשעדיגט פון די וועטערן און דער בנין זאל בלייבן אין אַ גוטן צושטאַנד, וואָס דאָס אַליין איז אויך געווען אַ גרויסע אונטערנעמונג פאר זיך.

תם ולא נשלם: דאָס אַלעס איז בלויז אַ חלק פון וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם יאָר צווישן די ווענט פון מוסדותינו הקדושים. מיר האָפן אַז דאָס וועט אייך געבן אַ שטיקל בליק אַריין אינעם מבצר החינוך פון אייערע טייערע קינדער, און עס וועט אייך שאַפן אן עונג יום טוב.

קדושים תהיו – הוו פרושים מן הטעכנאלאגיע:

מאסיווע "וַיְמָאֵן" דרייוו שפאנט איין תלמידי הת"ת מיט שטארקע קבלות קעגן טעכנעלאגיע

וַיְמָאֵן, וַיְמָאֵן, וַיְמָאֵן: ריזן ציבור תלמידים קלויבן אויס העכסטע שטאפל קבלה טובה

ביים גרויסן מעמד "וימאן" וואס איז פארגעקומען אין די וואך פון פרשת וארא, האָבן די תלמידים גענומען אויף זיך שטאַרקע קבלות טובות צו שטיין על המשמר קעגן די פגעים פון טעכנאָלאָגישע כלים, נישט אָנצורירן קיין שום סאָרט כלי, זיך האַלטן ווייט פון ווידעאָ קליפס א.א.וו.

עס איז געווען צום באוואונדערן, וואס טראָץ די תלמידים האבן געקענט אויסקלויבן פון דריי דרגות, האבן כמעט אַלע תלמידים זיך אונטערגענומען די העכסטע דרגה, און דאָס האָט אַריינגעברענגט אַ געוואלדיגע אַטמאָספערע פון פעסטקייט ביי די תלמידים צו שטיין שטאַרק קעגן די נסיונות הזמן.

חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר:

יסודות'דיגע "חינוך דרשה" דורך חדב"ן הגה"צ אבד"ק ביהמ"ד ישמח משה קרית יואל שליט"א

די זאלן פון 'קאנטינענטאל' זענען געווען איבערגעפילט מיט טאטע'ס פון תלמידים פון אלע יארגענג, וועלכע זענען געקומען אויפן רוף פון די הנהלה רוחנית, צו הערן דעם חובת החינוך אין די היינטיגע צייטן, צו פארזיכערן אז מיר ערציען ווייטער די דורות אויפן ריכטיגן וועג.

איינגעלייטעט דעם מעמד האט דער מנהל הרה"ג רבי אלעזר אייכנשטיין שליט"א, און דאן האט מען געהערט אין לויף פון העכער א שעה א דורכדרינגליכע דרשה פון הגאון הצדיק רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א אב"ד ביהמ"ד ישמח משה אין קרית יואל, מיט דברים כדרבנות צו שטיין פעסט אויף די יסודות פון שטוב, זיך נישט בייגן צום היינטיגן רוח הזמן פון זיין מער נאכגעביג, נאר פירן די אידישע שטוב מיט דעם פעסטן חינוך, וואס נאר אזוי איז צו האפן אז מען וועט זוכה זיין צום 'גם כי יזקין לא יסור ממנו'.

לְכוּ וְנַעֲלֶה , וְיֹרֵנוּ מִדְּרָכָיו , וְנֵלְכָה בְּאֹרְחוֹתָיו:

ערשינען: ערשטער גליון "דַּרְכֵּינוּ" צו ברענגען חיזוק און קלארקייט צו גיין שטאלץ בדרכי רבותינו

נאך די געוואלדיגע אויפוואכונג און תיקונים ביסודות הצניעות און כיסוי הראש וואס הערשט בקרב קהל עדתינו די לעצטע חדשים, אדאנק די היסטארישע אסיפה "שמירה לדורות", ערשיינט די הנהלת המוסדות מיט דעם ערשטן גליון "דרכינו", מיט א רייע נאבעלע מאמרים און ארטיקלען איבער דעם שיינקייט צו נאכגיין די וועגן פון אונזערע עלטערן פון פאריגן דור, זיך מחזק זיין אין אלע עניני צניעות.

אינעם ערשטן מאמר "הַדְרִיכֵנוּ" ווערט געברענגט קלארע דברי הדרכה פון הגאוה"צ דייני קהלתינו שליט"א וויאזוי זיך צו האלטן פעסט ביסודות ההלכה, און אריינברענגען א חשיבות אין צניעות אין שטוב. דאן איז דער אפטיילונג "רַבּוֹתֵינוּ", מיט א אויספירליכע קאפיטל היסטאריע איבער די עבודה פון רבותינו הק' אויף צניעות, דאסמאל די עבודה פון רביה"ק זי"ע אלס רב אין ארשיווא.

דערנאך דער אפטיילונג "לַמְּדֵינוּ", מיט קלארע הלכות און הדרכה איבער דעם חיוב פון כיסוי הראש, און דער אפטיילונג "עֲדָתֵינוּ", מיט גרעסערע נייעס'ן איבער די תיקונים אין צניעות, און אלעס ארום.

דער ערשטער גליון האט געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג, צו זען ווי די הנהלת המוסדות לאזט זיך קאסטן כדי צו פארזיכערן דעם ווייטערדיגן עתיד פון ערליכן צניעות ביי אונזער ציבור, און מען קוקט שוין ארויס אויף דעם קומענדיגן גליון וואס וועט בעז"ה ערשיינען באלד נאך יו"ט.

קוֹל דּוֹדִי דוֹפֵק פִּתְחִי לִי "רַעְיָתִי":

קייט פון "רַעְיָתִי" מעמדים שטורעמט אויף די מאמעס און די תלמידות, און ברענגט פלייץ פון קבלות טובות בגדרי הצניעות

"פינף" באזונדערע מעמדי קודש צו באפעסטיגן חומת הצניעות ביי נשים און מיידלעך

די תקופה פון פארלאפענעם זומער, אנגעהויבן פון נאך פסח תשפ"ו ביז יעצט ירח האיתנים תשפ"ז, ווערט פארשריבן אין די גאלדענע ביכער פון קהלתינו ומוסדותינו הקדושים, אלס דער אויפוואכונג-פונקט ווען דער קרן הקדושה והצניעות איז געשטיגן עשר מעלות, מיט די פילע גרעסערע מעמדי קודש, סיי פאר מענער, טאטעס און זיידעס ביים מעמד "שמירה לדורות" (ווי באזונדער באריכטעט), און סיי פאר די נשים צדקניות, די טויזנטער מאמע'ס און פרויען, איינגעטיילט אין צוויי מעמדים, און באזונדערע דריי גרויסע מעמדים מיט 'למעשה'דיגע תיקונים' ביי די תלמידות זעלבסט.

ערשטער מעמד:

די "מאַמעס אָוונט"

דער ערשטער מעמד הנהדר "רעיתי - מאַמע אָוונט" איז פאָרגעקומען מיטוואָך פר' אמור, לסדר "להזהיר גדולים על הקטנים", פאר די מאַמעס פון די טויזנטער תלמידים ותלמידות פון מוסדותינו הקדושים. די הכנות צום אָוונט זענען שוין אָנגעגאַנגען לאַנגע וואָכן, וואו מען איז אַדורכגעגאַנגען יעדן דעטאַל, סיי די לאָגיסטישע חלקים, אַז מען זאָל קענען מיטהאַלטן דעם מעמד אויסגעהאַלטן לויט אַלע גדרי הצניעות, און סיי מיטן רופן צום אָוונט אַלע מאַמעס פון די תלמידים ותלמידות, וואָס ציילן זיך בליעיה"ר אין די טויזנטער, אַז יעדער זאָל פערזענליך גערופן ווערן.

אַזוי אויך איז דער סדר המעמד אויסגעשטעלט געוואָרן אַז מען זאל קענען אַרויסנעמען דעם מאַקסימום תועלת, מען זאָל קענען איבערגיין און אַרויסברענגען אַלע נקודות וואָס מען האָט געוואָלט עס זאָל ווערן געדעקט, אויפן בעסטן און פארשטענדליכסטן אופן.



צו די באַשטימטע שעה זענען די טירן פונעם "עדן פּאַלאַס" זאַלן געעפנט געוואָרן און דער שטראָם פון מאַמעס האָבן איבערגעפילט די זאלן.

דער הערליכער אויבנאָן, וואָס עס האָבן באַשיינט די רבני הקהלה שליט"א ובראשם הגה"צ דער רב שליט"א, איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ספּעציעלן צודעק אויף אַן אופן אַז פונעם אויבנאָן זאָל מען גאָרנישט קענען אַריינזען, אבער האָט געגעבן די געלעגנהייט אַז די פרויען זאָלן קענען מיטהאַלטן די דרשות, וואָס האָט זייער אַסאַך צוגעגעבן צו די ערנסטקייט און אַרויסגעברענגט אַז מען רעדט דאָ פון עפּעס וואָס איז גאָר וויכטיג פארן עתיד בנינו, בנותינו ודורותינו

הערליכע פּרעזענטאַציע און דרשה

אין די ערשטע טייל פונעם אָוונט איז געוויזן געוואָרן אַ הערליכע סלייד-פּרעזענטאַציע וואָס האָט דורך לעבעדיגע בילדער אַראָפּגעלייגט דעם ציל פונעם אָוונט, און געגעבן אַ קלאָרקייט וואָס עס איז אויסגעהאַלטן און וואָס נישט.

נאָכדעם איז פארגעקומען אן אינהאַלטסרייכע אויפטריט דורך די באַקאַנטע רביצין ראַבינאָוויטש תליט"א וואָס האָט אַרויסגעברענגט די מורא'דיגע געלעגנהייט וואָס טאַטע און מאַמע האָבן ביים מחנך זיין די קינדער ווען זיי זענען נאָך יונג; דעמאָלטס גייט עס נאָך אַריין פיל גרינגער און די קינדער וואַקסן שוין אויף מיט דעם און עס בלייבט ביי זיי אַ קנין נצחי.

די רביצין תליט"א האָט אויך אַרויסגעברענגט אַז דאָס וואָס מען טוט ווען די קינדער זענען נאָך קליין - כאָטש עס זענען נאָך פאַרהאַן לאַנגע יאָרן ביז די קינדער גייען אַליין אַרויס אויף זייער אייגענעם וועג - וועט פאַקטיש אויסבויען זייער השקפה און זייער בליק אויף די וועלט. די נחת וואָס ערוואַרט די עלטערן אין די שפּעטערדיגע יאָרן איז אַלעס געוואָנדן אין וויאַזוי מען טוט היינט, און ווען מען טוט וואָס עס איז ריכטיג, כאָטש עס איז יעצט נישט אַזוי גרינג, וועט אי"ה ברענגען שיינע פירות.

דבר ההנהלה דורך
הרה"ג רבי בנימין צבי ליכטענשטיין שליט"א

דאן האָט אויפגעטרעטן דער מנהל רוחני פונעם בית רחל הרה"ג רבי בנימין צבי ליכטענשטיין שליט"א, וועלכער האָט אַדרעסירט די מאַמעס, און ארויסגעברענגט אַז אפילו ווען עס איז נישט גרינג צו נעמען די ריכטיגע החלטה - ספּעציעל ווען די קינדער האָבן נישט קיין חשק, זיי ווילן מער מיטגיין מיט דאָס וואָס 'יעדער' האָט - איז ווען די מאַמע איז קלאָר ביי זיך אַליין און שטייט פעסט מיט איר מיינונג, וועט עס געבן די ריכטיגע כלים פאר די קינדער צו קענען בוחר זיין בטוב.

דער מנהל שליט"א האָט זייער שטאַרק באַטאָנט אַז דער עיקר וואָס מאַכט אַ קינד זאל וועלן שטייגן און זיך האַלטן צו די גדרי הצניעות, איז נאָר דורך דעם וואָס זיי באַקומען די חיזוק פונדערהיים. דאָס גיט זיי דעם עיקר כח און מוט, און דאָס וואָס אַ מאַמע קען אויפטון, קען קיין שום אַנדערער נישט קיינער באַווייזן.

פייערדיגע דרשה דורך
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

דערנאָך האָט מען געהאַט די זכי' צו הערן דברים חוצבים דורך הגה"צ דער רב שליט"א, וועלכער האָט פאַר אַ לענגערע ווייל אַרומגערעדט און אַוועקגעשטעלט די יסודות אויף וועלכע אונזער בית חינוך איז געגרינדעט געוואָרן, די פונדאַמענטן וואָס אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע האָבן במשך אַלע

יאָרן געהאַלטן הייליג און טייער, און זענען געווען גרייט צו טון אַלעס אין דער וועלט אָפּצוהיטן דעם ווינקל פון די השפעה פון אינדרויסן.

במשך זיין דרשה האָט דער רב שליט"א מעורר געווען אויף די פשוט'ע הלכות וואָס זענען ניטאַמאָל בגדר חומרא, נאר זענען הלכות פסוקות וואָס זענען מחייב יעדעס אידיש קינד. דער רב האָט אַרויסגעברענגט וויאַזוי יעדער כאַפּט זיך דער יצר הרע אַריין אויך ביי אונז אין די היימישע קרייזן דורך פאַרשידענע אונטער-טירלעך, וואו עס קומען אַריין קליידער און קאָפּ-צודעקן וואָס זענען נישט אויסגעהאלטן און מוזן געטוישט ווערן.

דער רב שליט"א האָט קלאָרגעשטעלט אַז פון היינט און ווייטער וועט מען נישט קענען אָננעמען קיין קינדער אינעם מוסד נאר פון עלטערן וואָס וועלן זיך צושטעלן צו די תקנות המוסדות איבער צניעות ביי כיסוי הראש און די שייטלעך, וואָס די הנהלה רוחניות וועט אַוועקשטעלן.

אין אַן אויסנאַמליכן שריט, האָט דער רב שליט"א געמאלדן, אַז עס איז אים אַ זכות צו האָבן אַ חלק אין דעם ווען מען טוישט צו אַ מער אויסגעהאַלטענעם קאָפּ-צודעק, און אַז ער וויל נעמען אַ חלק אין די גרויסע הוצאות מיט וואָס דאָס איז פאַרבונדן פאר יעדע משפחה וואָס וועט טוישן ביזן חודש תשרי סעזאָן פון קומענדיגן יאָר תשפ"ז הבעל"ט.

הונדערטער קבלות טובות ווערן אונטערגענומען

דער אָוונט האָט איבערגעלאָזט אַ מאַכטפולן רושם לטובה אויף אַלע נשים צדקניות, און גאָר אַסאַך האָבן טאַקע פאַקטיש אַריבערגעטוישט צו אויסגעהאַלטענע בגדים, ספעציעל ביי כיסוי הראש, אַזוי ווי די פרישע תקנות וואָס זענען געוואָרן אַוועקגעשטעלט ביי די אסיפה, און צום הוי-יעריגן רעגיסטראַציע האָט מען טאַקע געהאַט דעם גאַנצן ציבור וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט, "נעשה ונשמע", און זיך אַהערגעשטעלט אויף אַן אויסגעהאַלטענעם אופן.

צווייטער מעמד:

די 'אלומניי' תלמידות

די צווייטע אסיפה איז פארגעקומען א טאג דערויף, דאָנערשטאָג פר' אמור, אויפן זעלבן פלאַץ. דארט זענען זיך צוזאַמגעקומען אַלע "אלומניי" תלמידות, פון די "צוועלפטע קלאַס" תלמידות וואָס לערנען נאָך יעצט אין בית רחל, ביז ארום אַכט יאָרגענג עלטער, בערך ווען מען הייבט אן אריינשיקן די אייגענע קינדער אינעם מוסד. אַזוי אויך האָט מען גערופן אַלע איינגעשטעלטע, די אידישע און ענגלישע טיטשערס, פון פרי סקול ביז צוועלפטע קלאַס.

מען האט דאָרט נאָכאַמאָל פאָרגעשטעלט די "סלייד פרעזענטאַציע" און די אויפטריט פון הרבנית ראבינאוויטש תליט"א, וואָס האָט מיט שטאַרקע קלאָרקייט אַרויסגעברענגט די וויכטיגע הלכות וואָס איז נוגע פאר יעדע אידישע טאכטער.

דערנאָך האָט גערעדט הרבנית מסאַטמאַר-וויליאַמסבורג תליט"א וואָס האָט מיט פייערדיגע ווערטער אַרויסגעברענגט וואָס עס מיינט פאר יעדע תלמידה צו לערנען אין "סאַטמאַר", און וואָס עס איז אונז מחייב.

נאָכדעם זענען אַריינגעקומען - אונטער די גלאזירטע מחיצה - די דייני הקהלה שליט"א אינאיינעם מיט הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, און עס האָט אויפגעטרעטן הרה"ג רבי בנימין צבי ליכטענשטיין שליט"א, מנהל בית רחל, און אַרויסגעברענגט אַז אונזער טיטל "סאַטמאַרער תלמידות" בלייבט מיט אונז אויך נאָכן אַרויסגיין פון צווישן די ווענט פון בית רחל, מען דאַרף אַכטונג געבן אויף דעם טיטל און זיכער מאַכן אַז מען פירט זיך כראוי צו זיין ווערט דעם נאָמען.

נאָכדעם האָט מען אויך ברייט אויסגעשמועסט די נושא מיט די איינגעשטעלטע מחנכים. סיי די איינגעשטעלטע ביי די אידישע לימודים, און סיי די וואָס אַרבעטן אין אָפּיס, די ענגלישע טיטשערס, וכדומה, פאר וועמען מען האָט עס אויך אַוועקגעשטעלט מיט קלאָרע הוראות, וואָס מען מעג יאָ און וואָס נישט.

משא המעמד:
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

דאן איז מען צוגעגאַנגען צו די פייערדיגע דרשה פונעם רב שליט"א. דער רב שליט"א האָט אויך דאָ באַטאָנט אַז ווען מען רעדט פון די נושאים, מען שמועסט אויס וואָס מען מעג יאָ און וואָס נישט, רעדט מען נישט פון סתם 'ענינים', מען רעדט נישט פון עפּעס וואָס "ביי אונז פירט מען זיך אַזוי..." נאר מען רעדט פון פשוט'ע אָפּענע קלאָרע הלכות וואָס זענען אויסגע'פסק'נט אין שולחן ערוך, און זענען אָנגענומען ביי גאַנץ כלל ישראל בלי שום חולק.

דער רב שליט"א האָט אין קורצן איבערגעזאָגט די הלכות איבער די לענג פון די האָר, און בקיצור איבערגעלאפן די נקודה פון "ביי-האר" און וויאַזוי מען האָט זיך געפירט אַלע יאָרן ביי פרויען נאָך די חתונה, ווי הארב עס איז, און וואָס עס איז די פליכט פון יעדע פרוי וואָס וויל זיך האַלטן צו די הלכה ומסורה.

אַזוי אויך האָט מען באַריירט די נושא וואָס ברענט אויפן סדר היום: די לאַנגע שייטלעך. דער רב שליט"א האָט פאַרלאַנגט פון די הנהלת בית רחל אַז אַ מחנכת וואָס גייט מיט אַ אומאויסגעהאַלטענע שייטל, זאָל מער נישט קענען דינען אַלס לערערין אין אונזער בית חינוך, וואָס איז נתייסד געוואָרן דורך רבינו הק' זי"ע, און לאחריו ממלא מקומו בקודש רבינו הברך משה זי"ע, וואָס האָט כל ימיו אַוועקגעגעבן אַלע זיינע כוחות צו אָנהאַלטן די יסודות מיט מסירות נפש, און ווערט ווייטער נמשך בגאון ובעוז דורך כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

מען האָט טאַקע דערקענט פון נאָך די אסיפה אַ שטאַרקע שינוי לטובה און מען האָט געזען אַ שטאַרקע עלי' אין אַלע ענינים וואָס מען האָט מעורר געווען ביי יעדן איינעם, וכן יעזור ה' להלאה.

דריטער, פערטער, פינפטער
מעמד פאר בית רחל תלמידות

כאָטש עס איז נישט געווען אין פּלאַן, אָבער זעענדיג וואָס אַזאַ אסיפה קען אויפטוהן, האָט מען מחליט געווען צו גיין אויך צו די מיידלעך וואָס לערנען נאָך אין סקול.

די ערשטע אסיפה איז געווען דאָנערשטאָג בה"ב, ווען מען האָט גערעדט צו די זיבעטע און אַכטע קלאַסן. מאָנטאָג דערויף פאר די פינפטע און זעקסטע קלאַסן, און ל"ג בעומר האָט מען צוזאַמגענומען די תלמידות פון "היי-סקול".

ביי יעדן מעמד האָט מען עקסטער אַרויסגעברענגט - פאר יעדן עלטער לויט זייער פאַרשטאַנד און לויט זייערע נסיונות - וואָס דאָס מיינט אַז די האָר זאָל זיין ווי עס דאַרף צו זיין, לויט די הלכות וואָס זענען אויסגע'פסקנ'ט אין שו"ע און אויף וואָס מען האָט געהאַט מסירות נפש דורכאויס אַלע דורות ביז היינט.

דער טאָג ל"ג בעומר, זייענדיג אַ טאָג ווען מען קען זיך שערן, האָט מען געמאַכט אַ גאַנצע מצב פון שניידן די לאַנגע האר, זיכער צו מאַכן אַז עס גייט נישט אַרויס פון די גדרי הלכה. די תלמידות האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דעם, און מען האָט אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלע פּראָגראַם דערפאַר, מיט אַ שיינע באַלוינונג פאר יעדע קלאַס וואָס וועט זיך צושטעלן.

בנוסף צו דעם האָט מען געמאכט "רעיתי קאַרטלעך" וואָס די תלמידות האָבן אונטערגעשריבן נעמענדיג אויף זיך אַז פון יעצט ביז נאָך די הייליגע טעג, אַרום פינף חדשים, וועלן זיי האַלטן די האָר קורץ. מען האָט אַהיימגעשיקט די קאַרטלעך און די עלטערן האָבן עס אונטערגעשריבן. דאָס האָט אויפגעהויבן דעם גאַנצן בית חינוך צו אַ גאָר הויכן שטאַפּל אין צניעות השערות.

די גוטע תוצאות

די קייט פון מעמדים האָבן אויפגעשאָקלט די גאַנצע קהילה. מ'האָט גערעדט צו די מאַמעס, צו די יונגערע פרויען, און צו די מיידלעך, און יעדער האָט געהערט און פאַרשטאַנען. מען האָט געזען אן אויסטערלישע סייעתא דשמיא אַז יעדער איז אַזוי שיין געשטיגן אין צניעות, און מען האפט אויף ווייטער אַז עס זאָל אָנהאַלטן.

צום אָנהייב פונעם נייעם יאָר זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן די תקנות געבויט אויף די מעמדי "רעיתי", און מען זעט ווי דער כח פונעם גרויסן מייסד המוסדות רביה"ק זי"ע וואָס מען פּרובירט צו גיין ווייטער אין זיינע וועגן ברענט און טליעט אין די הערצער פונעם ציבור אנשי שלומינו, זיך נישט צו רירן פון זיינע יסודות הקדושה, נאר אָנהאַלטן ווייטער דעם הויכן ניוואָ פון צניעות ביי אלע בני קהילתינו הק', עד ביאת הגואל.

עַל מִשְׁמֶרֶת הַצְּנִיעוּת וְהַקְּדוּשָּׁה.

וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ

מתוך דרשת מלהיב לבבות, בדרשותיו הנלהבות, מגדולי הפוסקים ועמודי ההוראה
הגאון הגדול המפורסם כבוד שמו תפארתו

רבי **מתתיהו דייטש** שליט"א

גאב"ד שכונת רמת שלמה בעיה"ק ירושלים ת"ו - בעמח"ס שו"ת נתיבות אדם

"נואם הכבוד" - כ"א כסלו תשפ"ו לפ"ק

בהורמנא דמלכא, כ"ק מרן רבינו שליט"א.

מ'האט דא דערמאנט דעם פסוק "ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו עד עלות השחר". דער מדרש שטעלט צו דעם פסוק "ונשגב ה' לבדו ביום ההוא". דער רבי ז"ל אין **ברך משה**, אין יאר תש"מ, ברענגט צו בשם רבינו הק' זי"ע דער בעל הנס, ער האט געטייטשט אזוי, ויותר יעקב לבדו, יעקב איז געבליבן איינער אליינס קעגן אלע וואס האבן ר"ל געוואלט גיין אויף נישט קיין ריכטיגע דרכים, אבער צו וואס איז מען צוגעקומען? וועגן דעם איז ארויסגעקומען דער "ונשגב ה' לבדו".

מי לה' אלי

מורי ורבותי טייערע אידן:

מיט א 80 יאר צוריק נאך די מלחמה, ווען רבינו הק' האט אנגעהויבן די מלחמת ה' בעמלק, זענען נאך געווען אסאך אידן וואס האבן זיך זייער געפריידט, מען שטעלט אויף אן אייגענע מדינה! אן אייגענע ארמיי! אייגענע פאליציי! מאנכע האבן געזאגט אז מען דארף זאגן הלל מיט א ברכה, מאנכע האבן געזאגט הלל אן א ברכה. און אויף די צווייטע זייט איז געשטאנען רבינו הק' און געשריגן בקול גדול מיט א שאגת ארי', "הבדלו מן הרשעים האלה".

דער רבי האט געשריגן: מי לה' אלי! ער איז אבער נישט בלויז געשטאנען און געשריגן, ער האט געטוהן למעשה. אזר כגבור חלציו און אנגעהויבן צו אויפשטעלן מוסדות על טהרת הקודש, הייליגע מוסדות, הייליגע קהילות וואס די מוסדות אין די סאטמארע קהילה איז דאך לשם ולתפארת אויף די גאנצע וועלט, ובפרט אין די מלחמה אין די ציונים. גיבטס א קוק רבותי, **מי פילל ומי תיאר, ווער האט זיך געקענט פארשטעלן אז תשפ"ו זאל מען ארעסטירן א בחור, א יונגערמאן, פארוואס? ווייל ער לערנט דעם הייליגן רמב"ם, ווייל ער וויל זיצן און לערנען**.

רבותי, דער רבי זאל געזונט זיין האט דערמאנט יעצט ביי די נסיעה [באר"ק], ווי דער עולם דא האלט מיט דעם "גזירת הגיוס". אבער למעשה מען האט גארנישט קיין מושג ווי שרעקליך דאס איז. ביי אונז אין שטעטל אליינס יעדע פאר טעג ווערט געכאפט א צווייטער, נאר יעצט פאר איך בין ארויסגעקומען דא קיין אמעריקע, רופט מיר אן איינע פון די חשוב'ע רבי'ס און אדמורי"ם אין ארץ ישראל, און ער בעט מיר הילף, אזוי ווי זיין גבאי איז א יונגערמאנטשיקל, ער האט געטון א געוויסע עבירה מיט זיין קאר, האט אים א פאליס אפגעשטעלט און ער האט געטראפן אז ער האט זיך נישט געשטעלט צו די מיליטער, מען רופט עס אין ארץ ישראל "עריק", האט מען אים באלד ארעסטירט, און מען האט אים געזאגט:

הער צו, דו האסט צוויי ברירות, דו קענסט גיין אין טורמע דריי חדשים אדער דו האסט א צווייטע עצה, זיך אנצוטון די טריפה'נע בגדים און דינען די מיליטער.

האט מיר דער רבי געזאגט, אז דער יונגערמאן נעבעך האט נישט געקענט שטיין בנסיון, און ער האט נעבעך אנגעטוהן די טריפה'נע בגדים.

רבותי, דער מצב אין גזירות הגיוס איז נורא ואיום, מען האנדלט נאך מיט כל מיני פשרות.

דא זעט מען דעם "ונשגב ה' לבדו", ווי רבינו הק' האט געשריגן אז ס'איז נישט קיין אתחלתא דגאולה, ס'איז א אתחלתא דפורענותא.

ביי חינוך הבנים טאר מען נישט רירן

מען רעדט וועגן חינוך. א טיטשערין ביי אונז אין געגנט קומט אריין צו מיר און ווייזט מיר א בוך וואס זיי האבן באקומען פון די משרד החינוך ר"ל, נישט קיין משרד החינוך נאר "משרד החינוק", געב איך עס א מאך אויף. זי פרעגט וואס זאגט דער רב? קען מען מיט דעם לערנען? האב איך געזאגט אז ס'שטייט נאר 'משרד החינוך' טאר מען עס נישט ארייננעמען.

אבער רבותי, דארטן איז דא א פרק וואס ווערט אנגערופן "תולדות ישראל", ווערט דארט באשריבן גדולי ישראל, דער הייליגער **בעל שם הקדוש**, דער הייליגער **בעל התניא**, דער הייליגער **דברי חיים**, וואס זעה איך שפעטער רחמנא ליצלן? שטייט דארט גדולי ההימל... ווער? אותו רשע, ה' ר' צ' ל' שם רשעים ירקב! איך וויל נישט דערמאנען זיין נאמען, שטייט ער אין איין בוך אין איין סדר מיט די צדיקי קדושי עליון, ר"ל. הוא הדבר אשר אמרנו.

אונזער עיקר מטרה איז, ממשיך צו זיין די דרכי צדיק. ווייל דאס דארף מען צו וויסן, מען קען נישט בויען קיין תורה נאר אז ס'איז ריינע גאלד. באלד נאך קבלת התורה שטייט (פר' יתרו) "אלהי כסף לא תעשה לך", זאגט רש"י וואס מיינט עס? אז מען טאר נישט מאכן די כרובים פון קיין זילבער, כרובים מוז זיין פון גאלד, אויב מען מאכט די כרובים אין זילבער, הרי זה לפני כאלהות, איז דאס עבודה זרה.

פרעגט די גאנצע וועלט: די הלכה איז גע'פסק'נט, אז ס'איז נישטא גענוג גאלד צו מאכן דעם שולחן קען מען עס מאכן פון זילבער, פארוואס די כרובים אז מען מאכט עס אין זילבער איז עבודה זרה?

רבותי, די תשובה דערויף איז: כרובים זאגט די גמרא (סוכה ה.) פני תינוק הויא להם. דאס ווייזט אויפ'ן חינוך. ביי כרובים שטייט "והיה הקול נשמע", דער קול איז געגאנגען, "ובבוא משה אל אהל מועד וישמע את הקול מדבר מבין שני הכרובים". **די מסורת התורה קען נישט זיין נאר זהב טהור, ריינע גאלד. אויב מען מישט אריין איין דיעות כוזבות, א געוויסע פשרה דאס קלענסטע פשרה איז דאס שוין עבודה זרה.**

והיו הדברים נשמעים בכל קצוי ארץ ישראל

און דאס איז האט אונז דער הייליגער רבי געלערנט, און דאס ברוך השם פירט זיך ווייטער און ווייטער ברוך השם, מעלין בקודש. דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק וואס ער איז ממשיך. אונז זעמיר יעצט אין ארץ ישראל רבותי, טייערע אידן, **אין ארץ ישראל האמיר**

יעצט געהאט די זכי' אז ס'איז מקוים געווארן דער פסוק "צהלי ורוני יושבת ציון כי גדול בקרבך קדוש ישראל", די מסע הקודש פון רבינו שליט"א האט געמאכט א געוואלדיגע רושם אין גאנץ ארץ ישראל. מען רעדט שוין נישט די שיעורים, די פלפולים, דער גרויסער פלפול וואס דער רבי האט געזאגט אין ירושלים אינעם גרויסן בית המדרש פון שומרי החומות, דער פלפול וואס דער רבי זאל געזונט זיין האט געזאגט אין **כולל שומרי החומות** אויפ'ן באלעמער, וואס דארט האט געזאגט געגעבן דעם שיעור **רבינו הקדוש**, דארט האט געגעבן דער שיעור דער **ברך משה**, דער פלפול פון רבי'ן אין ירושלים און אין בני ברק איז געווען די שיחת היום אין אלע אהלי תורה, מען האט זיך מפלפל געווען מיט דעם. אבער בעיקר די שארפע ווערטער ודברי התעוררות, די הייליגע דיבורים וואס דער רבי האט ארויסגעגעבן מלבו הטהור און בפרט וועגן די גזירת הגיוס.

איך האב געזאגט פאר'ן רבי'ן זאל זיין געזונט, אז ס'איז דא געווען אזוי וויכטיג צו הערן אין ארץ ישראל אזעלכע קלארע ווערטער, צו הערן א דעת תורה, א לבדו, "ויותר יעקב לבדו", מען הערט [פון אנדערע] אלע סארט דיבורים וואס ס'מוז ליידער געפעלן למצוא חן בעיני הכופרים ר"ל, און דער רבי האט ארויסגעברענגט מיט'ן גאנצן ברייטקייט און מיט'ן גאנצן קלארקייט, והיה הדברים נשמעים בכל קצוי ארץ ישראל.

און ווער רעדט שוין פון די הדלקה אין מירון, ס'האט געפלאקערט גאנץ ארץ ישראל, "והיה כל הגולה כמדורת אש", אזוי ווי די גמרא זאגט אז פון די פייער פון בית השואבה איז לעכטיג געווארן אלע חצרות, אזוי איז לעכטיג געווארן אלע הערצער מיט די הויכע הדלקה וואס דער רבי האט געפייערט, ווייל דא ווערט נמשך די הבטחה פון רבי שמעון בר יוחאי.

מיין זון הרב הגאון ר' יודא [דייטש] שליט"א האט מיר געזאגט, אז מען זעט א סימן מן השמים, דער שר התורה דער רבי זאל זיין געזונט האט אוועקגעשטעלט די "תורתך שעשועי", און די אנדערע תורה חבורות, הרביץ פעלים לתורה.

מורי ורבותי, איך וויל איבערגעבן אין נאמען פון דעם עולם אין ארץ ישראל אין ירושלים עיר הקודש, מען קען נישט ארויסגעבן מיט קיין ווערטער דעם געוואלדיגע חיזוק וואס אונז האמיר באקומען פון די דברים חוצבים להבות אש וואס דער רבי האט גערעדט אין ארץ ישראל, אויפ'ן מצב, און בעיקר אויף דעם ענין פונעם חובת ההתבדלות פון די ציונים. דער רבי האט צוציטערט דעם עולם מיט דעם ענין פון גזירת הגיוס, איך ווייס אז אפילו אין די הויכע פענסטער אין ממשלה, וואסערע ממשלה דאס איז שוין, האט מען דארט אויך געזאגט, אז זיי האבן אזוי ארומגערעדט דעם גזירת הגיוס, **"וואס וועט מען אין סאטמאר זאגן אויף דעם ענין? און וואס וועט זאגן סאטמאר אויף אזוי און אזוי?"** אזוי ווייט האט געמאכט א רושם די הייליגע ווערטער פון רבי'ן.

זוכה לנחלת שני השבטים

ברוך ה' אז מיר זעען אזא ציבור קדוש זאל זיין געזונט און שטארק, **דער רבי שליט"א, דער שר התורה וואס ער האט אריינגעפלאנצן אזא כח מיט די "תורתך שעשועי", די "יסודי התורה".** ס'האט מיר היינט געזאגט מיין זון הרה"ג ר' יודל שליט"א האט מיר געזאגט זייער א שיינע זאך:

די גאנצע מטרה פון רבינו הק', און פון יבלח"ט דער רבי זאל זיין געזונט, איז דאך ממשיך צו זיין "שלא תשתכח תורה מישראל", די הבטחה פון רבי שמעון בן יוחאי.

אין "תורתך שעשועי" פונעם היינטיגן טאג איז דאך שבת דף מ"ה, געפינען מיר **"כדאי רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק"**, און די "יסודי התורה" וואס איז א עמוד ליום, דאס איז בבא קמא דף י"ז, געפין מיר **"אמר רבי שמעון בר יוחאי, כל העוסק בתורה וגמילות חסדים זוכה לנחלת שני השבטים"**, זעען מיר דאך דא דער קשר וואס איר האט אין רבי שמעון בן יוחאי'ס הבטחה, "שלא תשתכח תורה מישראל".

מחזה הוד אין די הייליגע מוסדות

מורי ורבותי, איך וויל קומען צום שלוס פון מיינע ווערטער.

איך האב געהאט היינט א געוואלדיגע שעה של קורת רוח. **איך בין ארומגעגאנגען מיט די הנהלת המוסדות צו זען די הייליגע לעכטיגע מוסדות און די תלמוד תורה און ישיבה,** וואס זאל איך אייך זאגן, אינו דומה ראיה לשמיעה, איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויגן זעען, איך בין אריינגעקומען די קליינע שעפעלעך דארט אין תלמוד תורה האבן זיי געמאכט לעכטעלעך פון וואקס, אנצוצינדן די נר חנוכה, האב איך זיי געזאגט: **יא, איר זענט די נרות חנוכה וואס איר צינדט עס אן פון דעם פך השמן פון הייליגן רבי'ן.**

איך בין געווען אין די ישיבה [קרית יואל], ס'איז געווען אזא ריתחא דאורייתא, איך קען אייך זאגן, ביז וואנעט איך האב אנגעהויבן צו זאגן [דרשה לפני הבחורים], האט דער קול התורה בוקע געווען, מען האט געפילט רוחו הטהורה פון הייליגן רבי'ן איז מרחף אויף די הייליגע מוסדות.

אשר על כן אזוי ווי היינט נאכט איז דאך דא א דינער מחזק צו זיין די מוסדות, איז דאך אוודאי א חוב, נישט א חוב, ס'איז א זכות פאר יעדן איינעם צו נעמען א חלק אין די הייליגע מוסדות פון רבינו הק'.

מען רעדט דאך שוין נישט אז דער רבי אליינס האט געזאגט ער וועט נישט בלייבן שולדיג ווער ס'וועט טוהן פאר זיינע הייליגע מוסדות.

שלא תשתכח תורה מישראל

איך וויל ענק זאגן רבותי, איך האב געזען א מורא'דיגע מחזה, וואס איך האב עס נאך אזאנס נישט געזען, איך בין נתפעל געווארן צו זען, איך בין פונקט געווען ביי איינע פון די שטיבער פון א גרויסן נגיד, האט מען געזען ווי ס'קומען אריין די נגידים וואס זיי זענען די מנהלי המוסדות און זיי אליינס גייען נאך געלט, ס'איז זיינע חברים די נגידים, און זיי בעטן זיך אונטערצוגארטלען, וואס זאל איך ענק זאגן?

איך האב נאכנישט געזען אזא זאך אז מען האט נישט געקענט דערקענען ווער איז דער נותן און ווער איז דער מקבל, ס'איז געווען אלו ואלו בשירה מזמרים, אלו ואלו בקדושה מקדישים.

וויל איך פארענדיגן. אזוי ווי מיר האמיר געזאגט אז אונז דארפן מאכן די ברכה "שעשה לי נס במקום הזה". דער הייליגער **רמב"ם** פסק'נט אז ביי נרות חנוכה איז יעדער איד מחויב צו צינדן חנוכה לעכט, און אויב ער האט נישט קיין געלט צו צינדן חנוכה לעכט איז ער מחויב צו פארקויפן זיין קלייד צו קענען קויפן אויל צו צינדן חנוכה לעכט, און אויב ער האט נישט מוז ער לחזור על הפתחים. פרעגן אלע פוסקים מאי שנא נר חנוכה מכל מצוות התורה? עס ווערט גע'פסק'נט אין סימן כ"ה, ווער ס'האט נישט קיין יכולת צו קויפן תפילין איז פטור פון תפילין, ווער ס'האט נישט קיין יכולת צו קויפן ארבעת המינים איז פטור פון ד' מינים, וואס איז געשען נר חנוכה אזוי געוואלדיג?

נאר רבותי, אז מען קוקט אריין גוט אין רמב"ם, דער רמב"ם זאגט אז די נר חנוכה איז געווען ווייל זיי האבן געוואלט לשכח תורה מישראל, אז מען זאל נישט קענען לערנען די הייליגע תורה, און אז דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן אז די בני חשמונאים האבן מנצח געווען און מען קען היינט זיצן און לערנען די הייליגע תורה, ממילא אויף דעם צינדט מען חנוכה לעכט. ווען איינער צינדט נישט קיין חנוכה לעכט זאגט ער, איך האב נישט קיין שייכות צו די נס, איך האב נישט קיין שייכות צו די תורה. דעריבער דער רמב"ם האט געלערנט אז דאס איז פשט פרסומי ניסא.

ממילא טייערע אידן, טייערע אידן חסידים ואנשי מעשה, טייערע עולם, די הייליגע לעכטיגע עולם, א יעדער זאל זיך ארומגארטלען אנצוצינדן ממשיך זיין אט די אש קודש וואס רבינו הקדוש האט אנגעצינדן, די פך שמן וואס מיר האבן געטראפן, וואס ער איז געבליבן נאך די ביטערע מלחמה, און דער פך שמן וואס דער רבינו הק' האט אנגעצינדן די מנורה און דאס גייט און ס'איז ממש און עס פלאקערט העכער און העכער שטערקער און שטערקער, בהחלנתו בהדרכתו ובנשיאותו פון רבינו שליט"א וואס ער געט זיך אזוי אוועק יומם ולילה פאר דעם ציבור פאר דעם עולם, זיינע הייליגע תפילות.

זאל דער אייבערשטער העלפן זכותו של רבינו הקדוש זאל מגין זיין אז כלל ישראל זאל קענען ווייטער ממשיך זיין מיט די ריכטיגע השקפה, און דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל בטל ווערן אלע שלעכטע גזירות, און די אלע מורדים ר"ל בה' ובתורתו, און מען זאל זוכה זיין "ונשגב ה' לבדו ביום ההוא", ווייל דאס וועט זיין בזכות פונעם "ויותר יעקב לבדו", רבינו הק' וואס ער איז געווען דער איינציגסטער, וועל מיר זוכה זיין צו גיין אקעגן משיח צדקינו ומלכינו כ"ק דער רבי שליט"א בראשינו במהרה בימינו אמן.

סאטמאר
פלייש
שמחת
יום טוב
בהידור
בהשגחת
הרה"ג ר' בן ציון לאוב שליט"א
דומ"ץ בקהל יטב לב ד'סאטמאר
מיט'ן איינקויפן אין אונזער בוטשער
שטיצט איר אונזערע הייליגע מוסדות מיט
אירע טויזענטער תלמידים ותלמידות כ"י
שמחת יום טוב
718.599.1212 orders@satmarmeatsw.com
684 Myrtle Avenue | 58 Lee Avenue | 285 Lee Avenue
סאטמאר
פלייש
שחיטה המהודרת
קרית יואל